STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07970

OYF YENER ZAYT VUNDER

Itzhak Yanasowicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אויף יענער זייט ווונדער

פאָרטרעט געצייכנט פון קינסטלער:
יעקב מאַרקיעל

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון יידישן שרייבער־און זשורנאַליסטן־פאַראיין
אין ישראל און דעם ווילי שאָר־פאָנד.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אויף יענער זייט וווּנדער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב — תשל״ד — 1974

יצחק ינסוביץ
מעבר לפלא — שירים

ITZCHAK JANASOWICZ
OIF YENER ZAIT WUNDER
(POEMS)

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
TEL-AVIV, 31 ALLENBY ST.
Printed in Israel 1974 נדפס בישראל

דפוס „ראש פינה", רחוב ראש פינה 19 תל אביב

אויף יענער זייט ווונדער
איז אַלץ אַזוי פּשוט און קלאָר,
אויף יענער זייט ווונדער
איז חלום דאָס זעלבע וואָס וואָר.

אויף יענער זייט ווונדער
אַיעדער געוויין איז געזאַנג,
אויף יענער זייט ווונדער
נישט שרעקט דיך שוין מער דער פאַרגאַנג.

אויף יענער זייט ווונדער
ווערט קלאָר דיר דער טונקלסטער סוד,
אויף יענער זייט ווונדער —
איז גאָט...

א י נ ע ם אַ ש

פ ו ן ז כ ר ו ן

רייד צו אונדז

רייד צו אונדז פשוט און פּראָסט,
אַזוי ווי אַמאָל מ׳האָט גערעדט.
סיי ווי האָט די וועלט דיך פאַרלאָזט,
געבליבן אַליין ביסט פּאָעט.
וואָס טויג דיר די שיינקייט פון אייז,
דער גלאַנץ פון קרישטאָלענער קעלט?
צעשויבער, צעברעך און צערייס —
מיר זענען אַליין אויף דער וועלט.

דיין צער איך וועל זיכער פאַרשטיין
אפילו אין שטאַמל פון ליפּ
און אויב פון דעם האַרץ דאָס געוויין,
נישט שעם זיך דערביי מיט דיין כליפּ.
סערוויר נישט די ווערטער פון וויי
ווי משקה אין כוסות צעשטעלט,
קיין בעלן נישטאָ סיי ווי סיי —
מיר זענען אַליין אויף דער וועלט.

געבליבן מיר זענען אַצינד
אַ מנין אויף קדיש, נישט מער
און בלוט פון די אויגן אונדז רינט
אַנשטאָט דער געלייטערטער טרער.
צעברעך־זשע דאָס וואָרט און באַווייז
דאָס וואָס די שאָל האָט פאַרשטעלט.
פאַרמאַכט אַרום אונדז איז דער קרייז —
מיר זענען אַליין אויף דער וועלט.

*
**

מיין ליד און לייב היטן אַ ירושה :
דורותדיק פאַרגאַנגען יידיש לעבן.
איך אַליין, דער אוצר, בין דורך גרויל פאַרכישופט,
איך אַליין, דער שומר, שטיי און וואַך דערנעבן.

מיין ליד און לייב, זיי זענען נאָר אַ זכר
און אויך פון דעם זכר זיי זענען דער זכרון.
אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען וויל דורך מיר דערגרייכן
אויפצוגיין אויפסניי אין אומקרייז פון די יאָרן.

מיין וואָרט און בלוט, זיי זענען נאָר די היטער,
דעם שאָטן פונעם עבר אין זכרון צו באַוואַכן.
כ'טראָג אַרום אין זיך אַ וועלט אַן אויסגעגליטע
וועלכע וויל צוריק פון אַש אַרויס דערוואַכן.

איבער גרוילן שווים איך ווי די אַלטע תיבה,
ס'איז מיין ליד — אַ טויב מיט נאַסע פליגל.
שווער איז מיר צו זיין פאַר דורות נאָר אַ קבר,
שווערער נאָך — צו זיין פאַר זיי אַ וויגל.

צו פוילן

פוילן, פוילן, כ'בין מיין בענקען
ווי אַ שבעה אויסגעזעסן.
צופיל פיין דיך צו געדענקען,
צופיל גרויל דיך צו פאַרגעסן.

פרעמד איז מיר אין טאָל פון ביינער
די אויפסניי צעבליטע ליפּע.
דיין פאַרלאָשענער געוויין נאָר
זאַלציק בריט איצט מיינע ליפּן.

דיין געזאַנג איז מיר דערווידער,
נישט איך דאַרף עס, נישט איך וויל עס,
נאָר דיין שטילקייט ווי אַ סידור
היט דעם ווי פון מיינע תפילות.

פרעמד איז מיר דיין פעלד וואָס מיניעט
אין דעם ליכט פון זומער זאַטן.
פון דיין גאַנצער ערד, מיין קנין
איז דאָס קבר נאָר פון טאַטן.

ווי אַ ווונד איז יעדער גרוב שוין
מיט אַ גרינער הויט פאַרצויגן.
נאָר אויף טייכן ליגט דער אָפשיין
פון מיין מאַמעס בלויע אויגן.

אונדז דערווייטערט האָט דאָס לעבן,
נאָר דער טויט האָט אונדז פאַרבונדן.
וויפל ווי איך מוז פאַרגעבן
און פאַרשווייגן — וויפל ווונדן.

פוילן, פוילן, כ'בין מיין בענקען
ווי אַ שבעה אויסגעזעסן.
צופיל פיין דיך צו געדענקען,
צופיל גרויל דיך צו פאַרגעסן.

1943

מיין מאַמעס יום־טוב־קלייד

... און נישט קיין גוף... און אויך קיין פּנים איז נישטאָ
עס לויכטן בלויז אין רוים צוויי שטילע, מידע אויגן.
און ציטערדיק אין ווינט גייט אויף מיט יום-טוב־בלאָ
און זיידענעם גערויש — מיין מאַמעס קלייד צעפלויגן.

מיר דוכט זיך אויס אַ ווייל: זי גייט פון שול מסתם,
(זי גייט נאָך אַלץ פון שול, די אַלטע מאַמע מיינע)
און פונקט ווי גאָר אַמאָל — מיט פרומען בענטשליכט־פלאַם
די שויבן הויבן אָן אַנטקעגן איר צו שיינען.

זי קומט אַלץ נענטער צו און אפשר וועט דאָ באַלד
מיין פיבערדיקע האַנט דאָס בלאָע קלייד דערלאַנגען...
נאָר אָט פאַרגייט דעם וועג איר, אומגעריכט, אַ וואַלד.
צו וואָס איז זי אין וואַלד, מיין מאַמע, איצט געגאַנגען ?

וואָס טוט זי דען אין וואַלד אין יום־טובדיקן טראַכט ?
וואָס גייט זי נישט אַהיים דער שטוב גוט יום־טוב ביטן ?
וואָס שוועבט זי דאָ אין וואַלד, אין שאָטן־שפיל פון נאַכט,
ווי צו דעם הויכן צווייג געפרוווט וואָלט זי אַ פלי טאָן ?

איך הער אין תליונס הענט קרעכצט אָפּ דער בלאָער זייד
און ווייטע קנאַסמאַלן מיט קלעזמער־פידל וויינען.
עס וואַרגט זיך מיט זיין בריל דער מעשענער טרומייט
פון אַלע חתונות אין שטעטל דאָרט אין מיינעם.

ס'ווערט שטיל און ס'איז די מאַמע שוין נישטאָ,
נאָר אויגן צוויי — פון שרעק אַרויסגעזעצטע.
און ס'הילט אַ דייטש זיך איין אין יום־טובדיקן בלאָ
און טראָגט אַוועק מיט זיך ס'געדעכעניש דאָס לעצטע.

1943

אַ שנײ

אַ שנײ איז געגאַנגען אַ שטילער, אַ שטילער,
אין זיך און אין אײגענעם גאַנג אײנגעהערט.
אַזאַ װאָס ער װײסט נישט
צי פאַלן דאָ װיל ער,
צי װיגן זיך זאָל ער
דאָ איבער דער ערד.

מיט װײסע פאַרפרױרענע
הױלע מעת־לעתן
דער שנײ האָט דאָ
פױלישע שטעטלעך פאַרװיגט
און לאַנג האָט די ערד שױן
די רױכן פאַרגעסן,

דאָס פייער, וואָס האָט זיך
מיט הימלען געקריגט.

אויף פוילישע שטעטלעך
איז ווייס און פאַרפרוירן
געהאַנגען אַ רו
און ס׳האָט קיינער געוועקט.
דעם עלנט פון שוואַרצע
און חרובע מויערן
מיט הפקר, מיט זיינעם
דער שניי האָט פאַרמעקט.

אָט ערשט האָט אַ שטעטל
מיט שרפה געשריגן,
אין אַש האָט דער זכר
געוויינט פון אַ שטוב.
נאָר שניי האָט פאַרלאָשן
און שניי האָט פאַרשוויגן
די רויטקייט פון בלוט
ביי אַן אָפענער גרוב.

געווען דאָרט אַ מאַמע,
אַ שטילע, אַ בלייכע,
אַ שטענדיק פאַרשעמטע
פון אייגענעם וויי.
איך וועל שוין איר נאָענטקייט
קיינמאָל נישט גרייכן,
ווייל ס׳הענגט איבער איר,
ווי אַ שלייער, דער שניי.

נישטאָ שוין מיין טאַטע.
אין צוק פון זיין אַקסל
גייט אויף אַזוי נאָענט מיר
זיין מילדער געמיט.
נאָר אויך צווישן אונדז
איז דער שניי אויסגעוואַקסן,
מיט בלינדקייט פון שויב,
ווען אַ הויך זי פאַרציט.

כ׳וואָלט וועלן כאָטש איינמאָל
דערשפּירן דעם צאַפּל
פון ברודערשן האַרץ
אין ביינאַכטיקן וואַלד.
כ׳וואָלט וועלן כאָטש איינמאָל
זאָל אין מיין שוואַרצאַפּל
זיך שפּיגלען מיין שוועסטערס
ווייטע געשטאַלט.

נאָר אויף פּוילישע שטעטלעך
אַ שניי איז געגאַנגען,
געגאַנגען אויף חורבות,
אויף בלוט און אויף וויי.
צווישן מיר און מיין היים
איז די צייט דורכגעגאַנגען,
מיט גרויל,
מיט טויט
און מיט שניי.

1945

אויף די פעלדער

אויף די פעלדער די פאַרגרויטע, אוי ווײ,
ליגט אַ ייד, אַ ייד אַ טויטער,
אַ ייד אַ טויטער, אוי ווײ.

שוואַרצער פויגל, פלי געשווינדער, אוי ווײ,
טראָג די בשורה צו די קינדער,
צו די קינדער, אוי ווײ.

זאָלן זיי אים כאָטש באַקלאָגן, אוי וויי,
זאָלן זיי כאָטש קדיש זאָגן,
קדיש זאָגן, אוי וויי.

פליט דער פויגל וווּ איך הייס אים, אוי וויי,
זעט ער: ס׳לאַנד איז פול מיט מתים,
פול מיט מתים, אוי וויי.

זעט ער לאַנגע פייגל־שורות, אוי וויי,
פליען אום מיט בייזע בשורות,
שוואַרצע בשורות, אוי וויי.

פליען פייגל אין אַ סטאַיע, אוי וויי,
פליט אַ טרויעריקע לוויה,
אוי אַ טרויעריקע לוויה, אוי וויי.

ווּזשע זאָלן זיי זיך איילן, אוי וויי,
ווען ס׳אומגליק אויסדערציילן?
אויסדערציילן, אוי וויי.

ווען זשע די בשורה זאָגן, אוי וויי,
אַז נישטאָ שוין ווער ס׳זאָל קלאָגן,
ווער די טויטע ס׳זאָל באַקלאָגן, אוי וויי.

1943

און נישט דער בראַנדז...

און נישט דער בראַנדז און דער שטיין
דורך מענטשלעכע פינגער געפורעמט
וועלן קאָנען דערציילן דעם צער
פון קינדער אין עלנטע קברים,
וואָס זענען ביים לעבן, נאָך ברויט
אויף „אַרישע" גאַסן געלאָפן,
ווען ס'האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן.

און נישט דאָס ליד פון פּאָעט,
ווי אַ בליץ פונעם חושך געפּאַנגען,
וועט קאָנען באַלויכטן דעם פּיין
פון קינדער, וואָס זענען געגאַנגען
צום „אומשלאַג״, אין פּאָרלעך געפירט,
מיט אייגלעך פאַרחידושטע, אָפן,
ווען ס׳האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן.

און ס׳איז אויף דער וועלט אויך נישטאָ
דאָס וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אַנטפּלעקן
דעם שוידער פון קינדישן שריי,
וואָס צינדט אָן אין בונקער די שרעקן.
דאָס קינד ווערט אין קראַמפּן דערשטיקט —
דאָך ווער וועט דאָ ווען באַשטראָפן?
עס האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן.

און ווער וועט פאַרשטיין דעם דעם גרויל
ווען פון צווישן פאַרסמאַליעטע ציגל
און פון קופּעס הרוגים אַרויס
האָט פּלוצים אַ קינד זיך צעשריגן
און האָט זיין פאַרוווּנדערטן בליק
אין די הימלען די בלויע פאַרשטאָכן,
ווען ס׳האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן.

1948

איך גיי אַרויס פון זיך אַליין...

איך גיי אַרויס פון זיך אַליין, ווי פון אַ צימער,
וווּ נישט דערוואַרט מען האָט זיך אויף קיין נס.
עס צאַנקען אויס די מידע אבל־ליכט אין דמיון
און כ׳בעט ביי זיך אַליין: פאַרגעס!

— פאַרגעס, פאַרגעס, אַז אַלץ שוין לאַנג געווען איז
און דו ביסט רויק, וואָס קרייזט נאָר נאָכן פלאַם.
עס איז דיין ווייטיק בלויז דער אָפּהילך פון סירענעס,
ווען נאָך דעם בראָך עס שוימט זיך שוין דער ים.

פאַרשיט, פאַרשיט אין דיין צעאַקערטן זכרון
דאָס קבר פון דעם אויסגעגליטן דור
און פון גערעכעניש מעק אויס די אַלע יאָרן
צוליב דעם נייעם, קומענדיקן יאָר.

וואָס ביסטו דען? דיין אַנהויב דאָך דאָס פלייש איז,
דער רויער מאַרך, וואָס האָט די וועלט דערקענט.
זאָל זיין: שטייסט ווידער איצט ביים אַלטן ערב-בראשית
און דיינע פאָדער־פיס פאַרוואַנדלען זיך אין הענט.

נעם שפרייז אַריין אין אָוונטיקן דרויסן
ווי ס'ערשטע מאָל און זאָג צו זיך: אויפסניי!
יאָרטויזנטער נאָך ליגן אין די שויסן
און דורות וואַרטן נאָך צו ווערן, אין דער ריי.

אַזויפיל זאַכן דאַרפן נאָך צו ווערן
אַזויפיל יאָרן דאַרפן נאָך צו זיין.
עס דאַרף די צייט אַזויפיל נאָך צעשטערן
נאָך דעם „יהי״ וואָס וועט ערשט שפּעטער זיין.

סיי ווי ביסטו מיט אָט דער וועלט געבונדן,
ווי מערדער צוויי דורך קייטן אויף די הענט.
לעש אויס די אבל־ליכט אין דמיון אָנגעצונדן
נאָך איידער דו אַליין אין פלאַם ווערסט אויסגעברענט.

איך גיי אַרויס פון זיך אַליין, ווי פון אַ צימער,
וווּ נישט דערוואַרט מען האָט זיך אויף קיין נס.
...דער זעלבער שניי, ווי היינט אויך דעמאָלט האָט געשימערט
און גיי אַצינד און אויב דו קענסט — פאַרגעס.

1948

איך פרעג נישט...

איך פרעג נישט פאַרוואָס מיר זענען געשטאָרבן,
פאַרוואָס מיר לעבן — אָט דאָס ווער ווייסט?
איז דאָ נאָך אַ לאַנד וואָס דאַרף אונדזער קרבן,
זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי ס׳הייסט?

סקילה און שרפה, הרג וחנק,
טויטן אַזויפיל אַז פראָסט מען פאַרגעסט;
און אַז פון מיליאָנען זיך ראַטעווען ווייניק
איז דאָך דאָס זיכער אַ געטלעכער נס.

נאָר מיר איז טשעקאַווע אַצינד בלויז צו וויסן
אויף וואָסער ערד און אין וועלכן לאַנד —
ווו וואַרטן באַנייס אויף אונדז איצט די ניסים?

וועט אויפגיין דער קרבן נאָך אַלץ אינעם בראַנד,
אָדער מיר וועלן גאָר ווערן צעריסן
אויף נייע אופנים, ביז איצט נישט באַקאַנט?

די דייטשקע אירמאַ העש

אַ גאַנצן טאָג די פרײַלן אירמאַ העש,
זיצט און נייט פאַר פרעמדע מענטשן וועש.
איך זע: זי העפט מלאכים אויס
וואָס זענען בלאָנד ווי רײַפער ווײַץ.
אַ מאָדנע זאַך: זיי זענען שטענדיק שווער,
די פליגל צווײ צעשפּרייט ווי אויף אַ קרייץ.

זי זיצט, די פרײַלן אירמאַ העש,
ביי דער מאַשין. זי נייט. זי שטעפּט.
איר פּנים גליט מיט געלן מעש
און טײַלמאָל איז עס גרוי — ווי אײַנגעהילט אין קרעפּ.
נאָר שטענדיק לויכטן אירע אויגן, ווי אויף טרעפּ,
אויף טונקעלע, געלויכטן וואָלטן גרינע לעמפּ.
און ס'איז איר נאָז דערבײַ — אי קורץ, אי טעמפּ.

און שטייט זי אויף, איז זי אַ מויד — אַ ריז,
מיט גרויסע הענט און האַריק־שטאַרקע פיס.
דאַך אירע האַר — ווי וווּנדערלאַנג און דין! —
זיי זענען שוואַלבן־גרויער גלעטנדיקער סאַמעט.
באמת, ס'איז אַן אויסטערליש געשפּין
פון שניי און בוגריש־שווערן אומעט.

איך זע זי דורכן פענצטער יעדן טאָג,
זי אַרבעט שווער. זי נייט. זי שטעפּט.
און נישט זי קרעכצט און נישט זי קלאָגט,
זי לעבט...

* * *

נאָר ווען דער טאָג פאַרגייט און אין די דייטשע שטעט
עס וואַרטן ווייב און בעט און וויג,
אין יאושדיקן וויי,
אויף מאַנסביל־טריט
וואָס קומען נישט צוריק פון קריג —

דאַן שטייט זי אויף, די מויד, פון דעם געניי
און בלייבט אין מיטן שטוב
ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.
עס הענגען אירע הענט — שווער־אַראָפּגעלאָזטע
און אירע אויגן גלאָצן שטאַר און גרין־פאַרגלאָזטע,
ווי אויגן פון אַ וואָלף — אַזויפיל טעמפּער וויי,
אַזויפיל האַס איז דאָ אין זיי.

און טאַקע דעמלט טרעפט :
אין טונקלקייט, פאַרנאַכט,
זי שטייט — פון גרויען שטיין — אַ געץ,
מיט אייזל־אויערן ערגעץ איינגעהערט.
זי הערט דעם פליגן־זשום אין פלאָנטערניש פון נעץ,
זי הערט דאָס ראַנגלעניש, דער פליגס געוויין,
ס'איז טונקלקייט אַרום... אַ שפּין ווערט זי אַליין...
און פון דעם פליגן־זשום איר גוף ווערט אַזוי גרינג
און ערגעץ טיף אין זיך, זי הערט ווי עפּעס זינגט.

און מיטאַמאָל האָט זיך איר פּנים אויסגעקרימט,
ס'האָט נעבן איר אַ פליג דאָ נאָנט אַדורכגעזומט.
זי גיט אַ שפּרונג... אַ כאַפּ... און ווי אַן אומגעהייער,
זי טראָגט די פליג צום שפּינגעוועב און אירע פינגער שרייען.
זי וואַרפט די פליג אין שפּינגעוועב
און פיבערט אויף אין היץ ווען זי דערזעט,
ווי ס'האָט די שפּין, די בייכיקע, די פליג באַדעקט.
מיט פלינקע הענט זי צינדט אָן פייער
און טראָגט דעם פלאַם צום שפּינעננעץ
און הערט ווי ס'צישעט אויס פון שפּין און פליג דאָס פעטס
אין סמאַלענדיקן פייער.

* * *

אַן אַנדערשמאָל, זי זיצט אין חושך פון דער שטוב
און האָרכט : עס גריזשען מייז דאָס אַלט־פאַרדאַרטע ברויט.
זיי בייסן דאָרט מיט שאַרפע ציין און עסן אויף
דאָס לעצטע ביסל שפּייז.

זי אָטעמט הויך. איר אָטעם איז ווי אייז.
פּאַמעלעך שטייט זי אויף. זי שאַרט זיך ביי דער וואַנט.
זי טשאַטעוועט... אַ האַמער אין דער האַנט...
אַ וואָרף... אַ פּישטש... דאָס מייזל ליגט שוין טויט...
און ווען זי בויגט אריבער זיך דער טויטער מויז,
עס ווערן אירע אויגן־ווייסלען דאָפּלט גרויס.
זי פּילט אַ קילן שטראָם,
וואָס גלעט ווי זיידנצייג דאָס הייסע לייב.
דורך אירע גלידער לויפט אַ זיסער שוידער דורך —
אַ תענוג ווי ביים ווערן ווייב.

און אָט אַזוי —
זי שטייט אַ וויילע אין פינצטער אָנגעבויגן
און ס׳גליען אויף ווי ביי אַ וואָלפיכע די אויגן,
אַזש ס׳ווערט דער חושך טיפער נאָך פון זייער שיין.
און פּלוצים... ס׳גיט דאָס פענצטער זיך אַ ריס,
עס וויל אַנטלויפן
צו דעם געוויין פון קינדער אויף די הויפן.
דאַן ווערט זי ווילד און אירע שטאַרקע פיס
טרעטן מעכטיק אויפן דיל.
זי שרייט: — „פאַרפלוכטע, זייט דאָך שטיל!“
און ס׳דוכט מיר אויס: די מויד איז גרייט,
אָט באַלד, זי הויבט זיך אויף און גייט,
אַ יעדעס קינד דערשטיקן ווי אַ מויז.

אָ גאָט, זי וואָלט די וועלט, די גאַנצע וועלט,
מיט שווערע הענט אַרומנעמען אַצינד
און ווי דאָס מעבל פון איר הויז

שליידערן פון זיך, אין אומגליק
און אין תענוג פון צעשטערן.
זי וואַלט די וועלט דערשטיקן אין איר האַס,
זי זאָל צו איר כאָטש טויטערהייט געהערן.

* * *

און יאָר נאָך יאָר פאַרגייט.
זי שטיקט דערווייל די מייז,
וואָס גריזשען אירע נעכט,
ווי אַלט־פאַרשימלט ברויט.

נאָר אויפשטיין וועט אַמאָל די פריילן אירמא העש
און מיט דעם קריגער־ליד,
אין אויפגעשאַל פון הייסן מעש,
וועט גיין מיט איר דער טויט.

איך זע זי איצט, איך זע זי אַלע טאָג,
איך זע איר טעמפּן, טליענדיקן האַס.
אָ, מאַמעס וויינט,
אָ, קינדער קלאָגט,
עס גרייט זיך אירמא העש
צו נייע קאַמערן מיט גאַז.

1946

היט מיך, גאָט...

היט מיך, גאָט, פון דער נסיונדיקער שעה
ווען ס׳לעבן ווערט אויף יאָרן־לאַנג אַנטשיידן
און אין דער רגע ווען קיין רחמים איז נישטאָ
זאָל איך אָן ברירה זיין — מיט אַלעמען צו ליידן.

היט מיך, גאָט, פאַר דער צעהוידעטער מינוט
ווען בלוט און פלייש זיך קריגט מיטן געוויסן.
נעם, אויב נייטיק איז פאַר עמיצן מיין בלוט,
נאָר פרווו מיך נישט מיט וואַקלונג פון באַשליסן.

היט אויס מיך, גאָט, פון שכרות־רויש פון מאַכט
און פון דער גבורה צו הערשן איבער יענעם.
ווען אין מיין גבול זיין עמיץ קליין און שוואַך,
בענטש מיך, גאָט, צו זיין פון אים נאָך קלענער.

פון דער בלינדקייט, אַז תמיד כ׳בין גערעכט
היט מיך און באַשיץ מיך, גאָט געטרייער.
און זאָל דאָס שלעכטס אין מיר, ווי אַ דאָרן־שפּיץ וואָס שטעכט,
ברענען אין מיין לייב מיט יסורימדיקן פייער.

היט מיך, גאָט, פון דער נסיונדיקער שעה,
ווען ס׳ווערט דאָס לעבן שוין אויף יאָרן־לאַנג אַנטשיידן
און אין דער רגע ווען קיין רחמים איז נישטאָ
זאָל איך אָן ברירה זיין — מיט אַלעמען צו ליידן.

מיין זיידנס באָרד...

מיין זיידנס באָרד אויף אַ פּאַריזער גאַס
כ׳האָב היינט דערזען און זיך ביז גאָר פאַרחידושט.
זי האָט אין אָוונטשיין מיט זקנה־גרוי געבלאַסט
אויף אַ געזיכט וואָס איז געווען נישט יידיש.

אַן אַלטע פרוי פון וויסטן מדבר־זאַמד
אויף סען מישעל געגאַנגען איז געבויגן
און ווען איר בליק האָט פּלוצים אויפגעפלאַמט,
איך האָב דערזען מיין מאַמעס אויגן.

אַ נעגער האָט געשלעפּט די מידע פיס,
געשטרויכלטע אויף אַספאַלט־ברוק דעם גלאַטן
און כ׳האָב דערזען אויף גאַסן פון פּאַריז,
די עול־געקרומטע פּלייצע פון מיין טאַטן.

איך האָב געוואָלט זיי אַלע אין אַ קרייז
פאַרזאַמלען אויף אַ ווייל כאָטש און פאַרבינדן.
נאָר רוצחיש־ווילד, טעמפּ אַזוי און בייז
האָט זיך ס׳געזיכט פון זיידנס באָרד צעצונדן.

מיט בעטלער־שרעק און הכנעהדיקער האַנט
האָט מיך די מדבר־פּרוי פון זיך געטריבן
און בלויז דער נעגער איז מיט מיר ביים ראַנד
פון שאָטן-שפּיל, אַ רגע נאָך פאַרבליבן.

דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן און מיט אים
אַוועק איז פון מיין היים אַיעדער צייכן,
איך האָב דערהערט אין זיך אַ יאָמערלעכע שטים:
— דו וועסט צו איר שוין קיינמאָל נישט דערגרייכן.

פּאַריז 1950

ה מ ש ך

פון זינט מ׳האָט זיי פאַרשניטן פון דער וועלט
האָב איך מיט זייער קול גענומען ריידן.
ווי דורך דעם פרישן גראָז ס׳גייט אויף דאָס אַלטע פעלד,
איז אויפגעגאַנגען אין מיר דער המשך פון מיין זיידן.

איך טראָג דאָס פנים פון אַן אומגעבראַכטן דור,
אין אַלע מיינע שפּראַכן הערט זיך נאָר זיין קלאָגן.
איך בין דער חלום נאָך אַן אויסגעברענטער וואָר,
די לאַנגע נאַכט נאָך אַן אויסגעלאָשן טאָגן.

אין דעם באַוועג פון מיינע אויפגעפּאָכטע הענט
איך זע איצט תנועות פיל וואָס זענען גאָרנישט מיינע.
אין קרומען בויג פון מיינע אַקסל איך דערקען
זייער עול און זייער שטומע טענה.

ס׳איז מיין געדאַנק דעם ווילן מער נישט טריי,
ווי אַ רויך אין ווינט ער הוידעט זיך און וואַקלט.
רגילותן פון דורות מיך בינדן און דערביי
זיי פירן מיך אַוועק צום אומפאַרמיידלעכן סך־הכל.

בענטש מיך...

בענטש מיך אויפסניי מיט דעם האַפּט
פון פּראָסטע אַמאָליקע רייד,
כ׳זאָל פילן, ווען עמיץ זאָגט :„נאַפּט״,
דעם ריח פון שטעטלשער קלייט.

פון „גריץ״ עס זאָל אויפגיין פון ס׳ניי
די פרייד ביי אַ וואָכיקן טיש
און שמעקן זאָל אויך שוין דערביי
דאָס קאָרענע ברויט אַזוי פריש.

„בוים״ זאָל זיין העכער פון דאַך
און „לבנה״ — אַ יידיש געשטאַלט
און איינמאָל אין יאָר כאָטש דער „סכך״
זאָל שמעקן ביי מיר דאָ מיט וואַלד.
„גוי״ זאָל דערמאַנען מיך שטאַל
און היימישן זאַמד אויפן דיל,
„מלחמה״ — דעם ערדענעם וואַל
אין קינדערס אומשולדיקן שפיל.

בענטש מיך אויפסניי מיט דער מאַכט
פון ווערטער אַמאָליק און פראָסט.
„סכנה״ זאָל זיין אויף דער נאַכט
צו בלייבן אַליין מיטן פראָסט.
„שרעקלעך״ זאָל זיין, ווען עס שרייט
אין פעלדער אַ נאַקעטער ווינט
און זאָל דער „בית עולם״ זיין ווייט
און נישט אינעם האַרץ ווי אַצינד.

אַלאַטאַוּ

טיאַן־שאַנער בערג

פייער האָט געבוירן אייך. איר זענט ווי גליענדיקע
זיילן אויפגעגאַנגען
דורך גלוסטונג פון דער לאַווע. געוואָלט האָט זי דורך
אייך דערלאַנגען
צו דער זון צוריק. ווייל כאָטש אויף ליכט־יאָרן מיליאָניקע
פאַרשליידערט
האָט די ערד געבענקט מיט פלאַם אין אירע אינגעוויידן
צוריק צום שטאַם. צו יענעם פייער־קוואַל דעם
פאָטערלעכן, גרויסן,
וואָס האָט זי ווי אַ טאָכטער, אַ פאַרשייטע, אָפּגעשטויסן.

עס האָט די ערד געבוירן אייך אין נעפּלען הייסע
און אייך געשיקט די שווערע וואָלקן־ריגלען אויפצורייסן
און ברענגען פאַר דער זון איר בענקשאַפט און איר תפילה,
נאָך איידער ס׳וועט די צייט אין גליווער זי פאַרקילן.

נאָר ווען באַדעקט האָט אייך אַ גרויע קאָרע
האָט זיך די ערד צעוויינט און פון געוויין
עס איז דער ים געוואָרן
און פון איר ווײ זייט איר צו בערג געוואָרן.

לעגענדע

אַלאַטאַו, הערשער אין דעם טאָל פון זיבן טייכן
מיט וועלכע די קאַזאַכן זייערע געטער גלייכן.

דו ביסט דער יחוס־בריוו פון דער טיאַן־שאַנער גזע
און אַלע ווייסן אַז דיין בראשית איז אין פייער נאָך געוועזן.
איצט לויפט דער סיר־דאַריאַ אויף וויפל מדברדיקע מיילן
און ווערט נישט מיד דיין יחוס צו דערציילן:

ווען פון טיאַן־שאַן, צום סטעפּ אין קאַזאַכסטאַן, דעם וויטן,
דו ביסט אַ ברוגזער אַוועק, דיין גרויסקייט אויסצושטרייטן,

האָט נאָכגעשיקט נאָך דיר די קייטן־בערג טאַלגאַרער
דער זיידע פון פּאַמיר. ווי נאָך אַ זון אַ ווידערשפּעניקן
געוויינט האָט כאַן־טענגרי. געהאַפּט, אַז דו וועסט קעניגן
איבער די קירגיזער ווילדע ברייטן.

נאָר דו האָסט זיך אין שטאָלץ פון אַלעמען דערווייטערט
און אין דיין גאַנג — אַ ברענענדיקער שייטער —
האָסטו דאָס בראשיתדיקע אייז פּאַרלענדט,
די תוהו ובוהו־וואַסערן מיט לאַווע־אַש פּאַרשיט
און שטיין געבליבן אין דער היגער מדבר־מיט
אַליין,
געפּאַנצערט אינעם פעלז, אין האַרטן קיזל־שטיין.
ווייל ס׳האָט דיין גאווה הויזן נישט געקענט
אין קרייז פון דיינע ברידער.
ביז ס׳האָט דיין כעס פּאַרקילט זיך אין גראַניט
און פון דיין בענקשאַפט שטראָמען נאָך ביז היינט
די טייכן אין דער נידער.

אַזוי דערציילט דער סיר־דאַריאַ אין זיינע לידער,
וואָס די קאַזאַכן זינגען און זיי גלויבן,
אַז זייערע אבות שפּיגלען זיך אין בלויען אייז,
וואָס פינקלט אויף דיין שפּיץ, דאָרט אויבן.

און עד היום זיי גלויבן, אַז דו שטייסט
פון דעמאָלט אָן אין ווילדן צאָרן,
אַז דו שיקסט אָן אויף זיי די גרויע מייז,
ווען צייטיק ווערט אין פעלד דאָס קאָרן.
זיי זאָגן, אַז ס׳וועט קומען נאָך אַ צייט,

ווען דו וועסט אויפשטיין פונעם דרימל
און וועסט אַוועק אויף נייער וואַנדערונג.
און טרעפסטו דעמאָלט אָן אין וועג אַ באַרג אַן אַנדערן,
וואָס פאַלט פאַר דיר נישט אויף דער קני,
עס וועט דיין כעס פון דיר אַרויס
און זיך מיט פייערן צעפלאַקערן.
די ערד וועט דעמאָלט ווערן ווידער אויס
און ס'וועט נישט זיין שוין מער קיין פי
און אויך קיין פעלד מער צו פאַראַקערן.

דערפאַר ווען דו אין נעפל הילסט זיך איין,
עס פרעפלען די קאַזאַכן פול מיט שרעק:
ווער ווייסט צי איז שוין נישט אַמאָל
דער אַלאַטאַו פון אונדז אַוועק?
סיר־דאַריאַ, גיי נאָך אים אין זיין גאַנג
און וואָרן אונדז פאַר וועלטן אונטערגאַנג.

איך קום צו אייך פון יענעם לאַנד

טיאַן־שאַנער בערג!
איך קום צו אייך פון יענעם לאַנד,
ווו קיין שום באַרג זיך קאָן צו אייך נישט גלייכן,
דאָך אין דער בענקשאַפט נענטער איז פון זיי
מיין גאָט אין הימל צו דערגרייכן.

וואָס איז דען דער בעסקידן־באַרג אַנטקעגן אייך?
אַ נאַריש קאַלב,
וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן לויף פאַרחידושט.
דאָך האָט געפלאַטערט דאָרט אַמאָל אַ שוואַלב
מיט טשוויטשעריי פון אונדזער פראָסטן יידיש.

די בערג, די קיטעוועך, זיי קאָנען אין זייער קלעם
די בלויע טייכן נישט פאַרהאַלטן.
דאָך איז אויף זיי געגאַנגען דער בעל שם
אין אַ פּעלץ אַ פויערשן, אַן אַלטן
און ווו ער האָט געשטעלט אַ טראָט,
דאָס אָרט געוואָרן איז אַ טרעפּ,
אַרויף, צו גאָט.

די הויכע טאַטרען נעבן אייך זיי זענען היגלען
אויף וועלכן אָקסן מאַלעגיירען זייער גראָז,
דאָך האָב איך נאָר אויף זיי דערהערט פליגלען
און דאָס געזאַנג פון אָדלער אין זיין שטייגן
און דאָ לעם אייך — ווער ווייסט פאַרוואָס,
אין אָט דעם מעכטיקן, דעם גורלדיקן שווייגן,
מיר ווערט נישט בלויז אייער הויכקייט פרעמד און נימאס,
כ׳בין אויך צו זיך אַליין איצט פול תרעומות.

באַרג־ליד

זילבערנע רויכן גייען יעדן אָוונט אויף,
אין די בערג אַיעדן אָוונט אויף
און שטעלן זיך צום הימל אויס
ווי ווייסע טרעפּ.

נאָר קיינער זעט זיי נישט,
אָ, קיינער, קיינער זעט זיי נישט,
ווייל אַלע לייגן מיד אַוועק
צום שלאָפן זייערע קעפּ.

פּלייטן שפּילן יעדן זון־פאַרגאַנג,
אין די בערג אַיעדן זון־פּאַרגאַנג
און ס'צינדן זיך אין הימל אָן
די שטערן פונעם ליד.

נאָר קיינער הערט זיי נישט,
אָ, קיינער, קיינער הערט זיי נישט,
ווייל אַלע, אַלע ליגן שוין
איינגעשלאָפן מיד.

איבער זאַמדן

איבער זאַמדן קאַזאַכסטאַנער
כ׳גיין אַרום אַ טאָג אָן שאָטן.
וויפל מייל שוין דורכגעגאַנגען ;
דאָך איז יעדער שפּור פאַרשאָטן.

זאַמד און זאַמד. און סאַקסאַולן —
האָלץ אַזאַ, נאָר פּאַר עקדות,
פון די פוס־טריט בלייבט קיין שפּור נישט,
נישט קיין זכר, נישט קיין עדות.

עד אַ היימיש בלאָטיק געסל,
ווען איך קען דאָ איצט דערגרייכן.
דאָרטן בלייבט כאָטש פון קאַלאָשן
וועגן מענטש אַ שטיקל זכר.

לידער צום אַלאַטאַו

א.

אין דיין נאַנטקייט ווערט דער עלנט מיינער גרעסער,
טיפער ווערט די בענקשאַפט דיר צופוסנס, אַלאַטאַו.
מיט שטאָלצער הייך און פרעמדן גלייכגילט דיינעם לעסטערסט
מיין מענטשלעך האַרץ,
וואָס כ׳האָב געבראַכט צו דיר דורך הפקר און וואָגל.

אָ, גרויסער באַרג, ווי אַ מצבה-שטיין דו שטאַרסט
אויפן קבר פון מיין חלום,
וואָס וועט דיין אויפשטייג צו די הימלען נישט דעריאָגן.

ב.

ווער דאַרף דיין שיינקייט דען, אָ, גאַווהדיקער באַרג?

כאָטש וועלדער קרייזלען זיך, ווי לאָקן אויף דיין האַרטן קאַרק,
כאָטש ס'ברענט מיט זונען־שיין אין הימל־בלוי
דיין פעלזן־שטאַרקער קאָפּ,
אַנטלויפט סיי־ווי דער ווינט פון דיר, צום גראָז פון טאָל־אַראָפּ.
שוין בעסער אים אין טאָלן־שטויב זיין אָטעם צו פאַרלירן,
איידער אין דיין רו — אַ זייל פון קאַלטן מירמל־
שטיין פאַרפרירן.
און בלייבן מיט זיין אומרו, אַ דערשטיקטן,
ווי איך אָ, אַלאַטאַוּ, אין נישטיקייט דערדריקט בין.

ג.

פאַר וועמען שימערן אויף העכסטן שפּיץ דיינעם די שנייען,
ווען ס'קען קיין קינדער־טראָט מיט פרייד זיי נישט פאַרזיגלען?
פאַרוואָס די טייכן וועלכע דיינע אַקסלען שוין דערגייען,
לויפן צוריק פון דיר ווי אויפגעפלאַצטע שפּיגלען?
וואָס איז דיין הויכקייט דען ווען נישט מיט פליגלען
האָט זי צו הימלען אויפגעשוועבט פון טיפע גרונטן?
און ווייסטו דען די פרייד פון אונדזער טרוים
אַרויפצושטייגן הויך פון סאַמע אונטן,
וואָס ווערט געוויגן נאָר דורך דער געפאַר
אַראָפּצופאַלן אינעם תהום?
וואָס איז די הויכקייט דען, ווען נישט אין אונדז איז זי געוועגדעט
און אייביק, אייביק, אייביק איז זי אומפאַרענדערט?

ד.

דו שווייגסט אָ, אַלאַטאַו, דו שווייגסט
און שווייגנדיק דו שלעפּסט דעם האַרטן פעלדז און שטייגסט,
פאַרריסן, גאַוּוהדיק און שטום.
און וווּ דיין שפּיץ דערגרייכט, וואָס זעסטו דאָרט?
ס'איז דאָך נאָר ליידיקייט אַרום.
די וואָלקנס אויפגעריסן דורך דיין שאַרף דו האַלטסט
ווי שאַלן וואַרעמע אַרום דיין האַלדז.
דו וויקלסט זיך אין זייער נעפּל בלייכן,
עס זאָל דעם מענטשנס אויג דיך נישט דערגרייכן,
ווייל קיין שום אויג דערזעען טאָר נישט,
אַז דו ביסט אויפגעגאַנגען
צו דער בלויקייט פון אַ וווּנדערלעכן גאָרנישט.

ה.

דו שווייגסט אָ, אַלאַטאַו, נאָר כ'ווייס
דערוואָרגן האָסט מיט הענט פון בלויען אייז
דיין קול אין זיך.
איך ווייס דו שעמסט זיך מיט דיין אייפער
צו דעם בעל־חי וואָס אין די טאָלן קריכט.
ווייל זיין געדאַנק עס שטייגט דיך איבער,
אין טרוימענדיקן אויפשוווּנג פון זיין פיבער
און העכער נאָך ווו דו דערגרייכסט,
דערגרייכט דער מענטש פון עפר און פון אפר.

ו.

איך שטיי אַצינד ביי דיר אָ, גאַוהדיקער באַרג
און מיינע בליקן רייסן אָפּ פון דיר די נעפּלדיקע שלייערן.
איך קאָן דיין קראַפט,
קאָנסט אונטערצינדן מיינע נעכט מיט דיינע פייערן,
עס קאָן דיין מינדסטער שטיין מיין הוילן קאָפּ צעשמעטערן,
דאָך קאָנסטו נישט מיין טרוים פאַרהאַלטן אין זיין קלעטערן
צו דיינע הייכן
און העכער אויך — צו יענע שטערן,
וואָס דו אַליין וועסט קיינמאָל נישט דערגרייכן.

וואָס וויל איך דען פון דיר, דו אָנגעלויף פון שטיינער גרויע,
אויב נישט אַן איינציק מאָל באַנומען ווערן
און אין די פעלדזן־ווענט דיין ווידערקול דערהערן
אויף מיין אויסגעשריי דעם מענטשלעכן פון טרויער.

*
* *

ביי דיין צופוסנס כ׳וויג מיר די חלומות איין
אין קילן וואַסערגאַנג פון דיינע טייכן.
אָ, אַלאַטאַו, כ׳וועל סיי־ווי צו דיין הייך
שוין נישט דערגרייכן.

כ׳וועל צוריק גיין צו מיין היים,
ווו בעריאָזעס גייען אום ציטערדיקע, בלייכע.

אפשר לאַכט נאָך דאָרט דער ווינט
און לאָזט זיך יאָגן פון די גרויע ווינטמיל־פליגל?
אפשר גייט נאָך דאָרט די ציג
אויף יאַרידן האַנדלען
און צו יעדן וויגל
ברענגט זי לידער צוריק
און ראָזשינקעס און מאַנדלען?

און כאָטש צו אַש — כ׳וועל צוריק גיין צו מיין היים,
ווו אויפגעגאַן פאַר מיר דאָס ערשטע ליד אין טרויער איז.
און כאָטש צו קברים — נאָר איך וועל גיין,
מיך רופט דער גורל און מיך רופן דורות.

אלמאַ אטאַ, 1941

צום האַר

פון די אבות

מיט ווײַפל שטילקייט

אבֿרהם סוצקעווער

מיט ווײַפל שטילקייט עס אָטעמט דאָס ווײַסע פּאַפּיר
וואָס שפּרייט זיך אין ליכט אויפֿן טיש פֿאַר מיר.

אָפּט דאַכט זיך מיר אויס אַז אַ קריע פֿון אײַז
לויערט פֿון ליידיק פּאַפּירענעם ווײַס.

אַ קריע פֿון אײַז אויפֿן וואַסער פֿון צפֿון
פֿון וואַנען דער בער איז דער לעצטער אַנטלאָפֿן.

און פּונקט ווי דעם בער, אין זײַן ווילדן געברום,
מיך שרעקט דאָ די ווײַסקייט וואָס הויערט אַרום.

אָ, וואָלט כאָטש אַ קראַקע געטאָן דאָ אַ קראַ
און די פֿליגל צעשפּרייט אין פּאַרנאַכטיקער שעה.

אָ, וואָלט כאָטש אַ וואָלף אין פּאַרטײַעטן לויער
אַ וואָיע געגעבן מיט שנאה און טרויער.

נאָר ס'וואָיעט קיין וואָלף נישט און ס'קראַקעט קיין קראָ,
ס'איז גאָרנישט געווען און ס'איז גאָרנישט נישטאָ.

מיט אײַזיקער שטילקייט עס שפּרייט זיך פֿאַר מיר,
אין ליכט אויפֿן טיש, דער בויגן פּאַפּיר.

ציטערט מײַן פֿעדער דערשראָקן און קליין
און וויל אויף אומהיימלעכער ווײַסקייט נישט גיין.

אַ ת פ י ל ה

גאָט פון מיינע אבות,
פון מיינע טאַטע־מאַמע די צעאַשטע,
אין רויכן צו די הימלען אויפגעגאַנגענע!
הער זיך צו צו מיין תפילה אין דער דאָזיקער שעה
ווען איך גיי אַרויס פון זיך אַליין
ווי דער תפיסהניק גייט אַרויס פון זיין תפיסה
און דערזעט פון דרויסן אירע טונקעלע מויערן
אין וועלכע ער וועט זיך שפּעטער מוזן אומקערן.

זיי נישט מקיים מיינע געבעטן —
איז מיין תפילה צו דיר אין דער דאָזיקער שעה,
ווייל פון אַן אומוויסנדיק האַרץ קומען זיי
און פון אַ פאַרבלענדטן מח שטייגן זיי אויף.

פון פלייש און בלוט אַ געפאַנגענער,
פון תאוות און אייטלקייטן אַ באַרוישטער —
ווי קאָן איך אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס?
ווי קאָן איך וויסן אויב דאָרט וווּ איך זוך גליק
הויערט נישט דאָס אומגליק מיט זיין פאַנגנעץ?

מיינע באַגערן — נישט איינמאָל האָסטו זיי שוין דערפילט.
מיינע חלומות האָסטו נישט איין מאָל שוין פארוואָרט.
האָסט זיך צוגעהערט, גאָט, צו מיין פאַרלאַנג
און וואָס איך האָב געוואָלט האָסטו באַשערט.
דאָך האָט דיין חסד נישט באַגליקט מיך
און ס'האָט דיין גוטסקייט מיך אַלץ נאָך נישט דערפרייט.

אין מיין פינצטערניש געבעטן האָב איך ליכט,
נישט וויסנדיק אַז ס'וועט דיין שיין
שלאָגן מיינע אַפּלען מיט אַ בלענד,
וואָס איז פון בלינדקייט ערגער נאָך.

אין מיין עלנטקייט געבעטן האָב איך פריינד,
נישט אַנענדיק אַז ווען איך וועל מיט זיי
אַרומגערינגלט זיין,
וועט בעטן זיך מיין זעל צוריק
צו יענער איינזאַמקייט
אין וועלכער דו אַליין געוועזן ביסט מיין פריינד.

כ'האָב שטורעמס אויף מיין וואַנדערונג באַגערט
און יאָרן-לאַנג האָב איך פון דיר פאַרלאַנגט
דו זאָלסט מיין נאָמען פעט מאַכן מיט רום,
אַז ווו נאָר ס'וועט אַ געזעמל זיין
זאָל עמעץ זאָגן און צו מיינע אויערן זאָל דערגיין:
אָט איז דער מאַן!

און וואָס נאָך, וואָס נאָך האָב איך געוואלט?
איך האָב געוואָלט זאָלסט שענקען מיר דאָס וואָרט
וואָס מאַכט אַ טומל דאָרט אַוווּ ס'איז שטיל;
וואָס וועקט די מידע אויף וואָס דאַרפן רו;
וואָס בליצט און בלענדט און נאַרט אַרויס
די איינגעזעסענעביים פייער אין זייער היים
און צינדט זיי אָן מיט פחדים, וועלכע איך
האָב אויסגעטראַכט.

אוי, גאָט, דו האָסט באַשערט מיר וואָס איך האָב געוואָלט.
נאַ, איך גיב דיר דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט,
האָסטו געזאָגט און האָסט געלאַכט.

ווייל אַלץ וואָס כ'האָב געבעטן איז געווען
להכעיס זיך אַליין,
להכעיס מיין באַדאַרף,
להכעיס יענעם גליק צו וועלכן דו וואָלסט אפשר
מיך געפירט
ווען איך וואָלט דיך מיט די געבעטן מיינע נישט פאַרפירט.

דערום בעט איך דיך אַצינד, מיין גאָט:
זיי נישט מקיים מער מיינע געבעטן,
הער זיך נישט צו צו מיינע תפילות,

ניג נישט צו דיין אויער צו מיינע פאַרלאַנגען
און קוק אַוועק פון מיינע באַגערן.
דו אַליין ווייסט וואָס ס'איז גוט פאַר מיר
און דו אַליין קענסט די וועגן צו מיין מנוחה.

פיר מיך צו איר, גאָט,
אפילו איך וועל ווי דער נאַרישער אָקס
זיך איינשפּאַרן מיט די הערנער אין דיביישטידלען
פון ברענענדיקן שטאַל,
און אַפילו איך וועל דיך אין מיין בלינדקייט שילטן,
פיר מיך צו דיין געבענטשטקייט, האַר.

גאָט פון מיינע אבות, פון מיינע טאַטע־מאַמע די צעאַשטע,
אין רויכן צו די הימלען אויפגעגאַנגענע !
פיר מיך, פיר מיך אין זייער זכות,
ווייל קיין אַנדערן,
קיין אייגענעם האָב איך נישט אָפּגעשפּאָרט...

***

מיר זענען דער לאַנגער נסיון
צווישן גליק און געוויסן.
מיר זענען די שאַרפקייט פון מעסער
צווישן דעם ברויז פון שגעון
און פיינלעכער קלאָרקייט פון וויסן.

מיר זענען די בריק אויף וועלכער עס וואַנדלען
דאָס בליען און וויאַנען.
די עדות —
אַז ביים וויגליד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען
איז דער טויט שוין פאַראַנען.

מיר זענען די אייביקע פאַטום־סכנה
צווישן דעם וועלן און דעם דערגרייכן.
מיר זענען
די ליידיקע טאָוולען אויף וועלכע דער מאָרגן זאָל קאָנען
די נעכטיקע טרוימען פאַרשטרייכן...

אונדזער שיף

אונדזער שיף גייט, גייט פאַרויס
צו דעם שוואַרצן וואַלקן
אויפן רויטן האָריזאָנט.
קיינער ווייסט נישט צי ער איז ווייט,
קיינער ווייסט נישט צי ער איז נאָנט.
מיר פאָרן פאַרביי אינדזלען גרין,
מיר שווימען פאַרביי פאָרטן, שטעט,
אַלץ אַהין, אַהין, אַהין.

אָ, די פאַרשאָלטענע שיף, זי גייט,
תמיד פאָרויס, תמיד אַהין,
קיינמאָל נישט צוריק.
הינטער אונדז בלייבן לענדער מיט זון,
הינטער אונדז בליען אינדזלען מיט גליק.
בלייב שטיין אַ ווייל — מיר שטרעקן די הענט
צו דעם נישט-געזעענעם קאַפּיטאַן געווענדט,
וואָס פירט אונדז אַהין, אַהין, אַהין.

דער שוואַרצער וואָלקן אויפן רויטן האָריזאָנט
ווערט גרעסער, נענטער... גורל־קאַפּיטאַן,
כאָטש אויף איין רגע קער זיך אום!
לאָז אונדז נאָך איינמאָל זען די ערטער
וווּ אונדזערע זכרונות וואָגלען אַרום
און סע בליט די פרייד פון אַן אַמאָליקן האָפן...
נאָר די שיף גייט, גייט פאָרויס,
אַלץ אַהין, אַהין, אַהין.

אָ, די פאַרשאָלטענע שיף וואָס גייט
ווי געצויגן פון שוואַרצע פאַרבאָרגענע שטריק,
תמיד אַהין,
קיינמאָל נישט צוריק...

ס׳איז איין מינוט נאָך צוועלף

ס׳איז איין מינוט נאָך צוועלף ביינאַכט.
דער אויטאָמאַטישער קאַלענדאַר אויף מיין טיש
ווייזט אַז ס׳איז שוין מאָנטיק.
אַ מעת־לעת איז אַוועק,
אַ נייער מעת־לעת איז געקומען.
נאָר דער הימל ווייסט עס נישט, קאָנטיק.
ער איז הויך און בלוי און נאַכטיק־באַרוט
ווי פריער מיט אַ מינוט.

איך קוק אויפן הימל,
איך קוק אויף די שטערן. איך זוך אַ סימן
פון דעם וואָס האָט זיך אַרום מיר געביטן.
נישטאָ. דאָס זייגערל טיקטאַקעט
מיט זיין אייביק מאָנאָטאָנעם ריטעם,
גלייך ס׳איז גאָרנישט אַוועק
און ס׳איז גאָרנישט געקומען.

איז אפשר טאַקע די צייט
נישט מער ווי אַ דימיון אַזאַ
פון דער גרויער מאַסע דאָרט אונטער מיין שאַרבן ?
נאָר דער קאַלענדאַר אויף מיין טיש, דאַכט זיך שרייט :
העי, דו נאַרישער מענטש,
ס׳איז פאָרט אַ מעת־לעת נענטער
צו דיין שטאַרבן.

גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם...

גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם
האָבן היינט מיר אָנגעזאָגט, ווען כ׳בין אַרויס אין גאַס,
אַז מר יוסף ווייסלפיש איז מער נישטאָ...
דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מאָדנע נייס,
ווייל כ׳האָב אַ רגע פריער לגמרי נישט געוווּסט
אַז אַט דער מענטש (מיטן נאָמען: יוסף ווייסלפיש)
איז דאָ געווען אויף אונדזער ערד
און האָט געוווינט
דריי גאַסן בלויז פון דעם אָרט
ווו איך וווין.

געווען אַ יוסף ווייסלפיש און שוין —
ר׳איז מער נישטאָ.
און ווייל כ׳האָב אים ביים לעבן נישט געקענט
וועל איך שוין קיינמאָל נישט דערגיין

ווער און וואָס ער איז געווען:
אַ מזג טוב, צי גאָר אַ בייזער מאַן?
אַ כל ולך, צי ווי עס גיט זיך אויס,
אַ מענטש — אַ מרוק?
אַזאַ וואָס פאַרמאַכט די פענצטער אין זיין הויז
ווען קינדער שפּילן זיך אין גאַס, אויף דער זון־זייט
פונעם טראָטואַר...
דעסגלייכן כ׳וועל נישט וויסן שוין
צי ר׳איז געווען קלוג,
אָדער — ס׳זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין —
אַ נאַר?

ווי אויסטערליש: עס האָט אַ מענטש ווי איך און דו,
געלעבט אויף אונדזער וועלט, אַזוי ווי איך און דו
און איצט איז ער נישטאָ מער.
און פרעג מיך — וואָס ווייס איך דען אַצינד?
צי האָב איך נישט געטרונקען טיי,
אָדער גראָד געזען אַ טעלעוויזיע־קוואַטש
אין יענער שעה,
ווען ס׳האָט געלאָשן זיך, ווי אַ קנויט אין ווינט,
זיין לעצטער יאָמער?

וואָס ווייס איך דען פון אים? אַפילו נישט
צי ער האָט ליב געהאַט מוזיק?
צי זיין ווייב איז אים געווען געטריי?
און צי דער לעצטער אַנצוג וואָס ער האָט זיך געקויפט
איז נישט געבליבן הענגען אין דער שאַנק,
כמעט נאָך ניי?

און ס'קאָן דאָך זײַן:
כ'האָב אים באַגעגנט ערשט נישט לאַנג
אין פּול־געפּאַקטן אויטאָבוס און אים געזאָגט: סליחה...
און דאָס איז גראָד געווען דאַן,
ווען ר'איז געפאָרן אין שפּיטאָל נאָך דער רענטגען־אויפנאַמע,
וווּ ס'האָט אין שוואַרצן פלעק געלויערט שוין
אויף אים דער טויט.

חבל, מר ווייסלפיש, דו אומבאַקאַנטער בר־מינן,
וואָס איך וועל קיינמאָל שוין נישט וויסן
ווער דו ביסט געווען בעת דו האָסט געלעבט.
צי האָסטו פונקט ווי איך געזען אין די פאַרגייענדיקע טעג —
טרעפּ וואָס פירן נענטער, נענטער צו דעם תהום
וואָס קיינער, קיינער קאָן אים נישט פאַרמײַדן.
אָדער גאָר — מיט אַ פּנים פון יסורים אויסגעקרימט,
מיט אַ בליק אַ שפּיזיקן,
ווי אַ זונען־שטראַל וואָס שפּיגלט זיך אין אײַז,
דו האָסט אויף דײַן עקדה־בעט געברומט:
קום, דערלייז...
און דערבײַ געשראָקן זיך פאַר דעם סוף
פון דײַנע ליידן?

מר יוסף ווייסלפיש, דו ביסט אַוועק
און אַלע סודות מיטגענומען דאָרט אַהין מיט זיך,
וווּ אַלע רעטענישן ווערן אויפגעלייזט.
ווער ווייסט, אַ, גאָט מײַנער, ווער ווייסט?
אפשר ביסטו עס גראָד געווען
דער מאַן וואָס האָט געוווּסט באַשייד

פון אַט דעם סוד וואָס לעבן הייסט ?
עס קאָן דאָך זיין אַזביידע האָבן מיר זיך דאָ
אויף אָט דער ערד, אונטער שטערן־ליכט,
אונטער שיין פון ברענענדיקע זונען,
אַ לעבן לאַנג אַרומגעזוכט
און נישט געפונען,
כאָטש ביידע האָבן מיר געווינט

דריי גאַסן בלויז פון אָט דעם אָרט
וווּ גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם
דערציילן איצט דער גאַנצער שטאָט
די בשורה פון דיין טויט...

1973

צו אַן אומגעקומענעם פריינד

א

אין אַ לויפנדיקן צוג האָט זיך דאָס האַרץ דיינס אָפּגעשטעלט.
דער צוג איז געלאָפן, געלאָפן און זיך דערנענטערט צו זיין ציל,
נאָר דיין פאַרמאַטערט האַרץ איז געבליבן שטיין
און זיך מער נישט געוואָלט יאָגן נאָך די פאַרפלויגענע
פייגל פון פרילינג.

אַליין ביסטו געווען און פון דיין היים — ווייט
און ווייטער נאָך פון דיין היים ביסטו געווען פון דיין חלום,
וואָס האָט דיך באַרוישט אין דיינע יוגנט־טעג.

אָ, ווי איך האָב געקענט דעם חלום דיינעם.
זיבן־פֿאַרביק איז זיין עק געווען ווען ער האָט אויפגעבלענדט
אין דער ניסן־גרינשאַפט פֿון דיין אָנהייב.

גרוי און קאַלטנדיק איז ער געהאַנגען פֿאַר דיינע אויגן
אין דער חשון־מידקייט פֿון דיין לעבן.

אָ, ווי איך האָב געקענט די שוואַרצע לאַווע פֿון אַנטוישונג
וואָס האָט דעם פייער־שפייענדיקן באַרג פֿון
דיינע האָפֿענונגען פֿאַרלאָשן.
כ׳האָב וויפֿל מאָל דיך געזען אין רעש פֿון טאָן:
בייז, האַרט, קנאַכיק און שפּיציק האָסטו מיט דעם
ראָזמאַד פֿון דיין אייטלקייט
געוואָלט אַראָפּקאָלערן דעם שטיין פֿון
אַן אויסגעטריקנטן ברונעם.

פֿאַרוואָס האָסטו ביי דער יוגנט דיינער די הבטחות רק געמאָנט?
פֿאַרוואָס האָסטו אירע צוזאָגן נישט געקענט פֿאַרגעסן?

דיין האַרץ איז מיד געווען שוין לאַנג.
עס האָט געבענקט נאָך דעם קליינעם שפּאַן פֿון יאוש,
נאָך דעם שטילן פּלי פֿון די ווייסע פֿייגל
וואָס פּיקן די קערנער פֿון באַשערטקייט.

דו האָסט אָבער אויף דיין באַשערטקייט געקריגט,
האָסט געצווּונגען דיין האַרץ צו אַן אייביקער מלחמה.
האָסט זיך געיאָגט איבער די וועגן פֿון דער ערד.

האָסט נאָך אַלץ געמיינט, געהאָפֿט אַז נישט דאָ איז דאָרט —
ערגעץ, ערגעץ־ווּ וועסטו די צוזאָגן פֿון דיין יוגנט געפֿינען...

ב

פאַר וועמען האָסטו דען דעם רום געדאַרפט ?
וואָס וואָלסטו דען געטאָן מיט אים
ווען דער גורל ברענגט דיר אים אויף די עלטערע יאָרן ?

דיין קינד, דאָס איינציקע גליק וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט
פון אַלע דיינע פאַלשע ליבשאַפטן,
האָט אָט די שפּילעריי נישט געוואָלט,
נישט געדאַרפט.

דיין קינד האָט אַנדערע שפּילערייען געוואָלט :
פון האָלץ, פון בלעך, פון פאַרביקן פּאַפּיר
און נישט פון קיין פאַרביקן חלום.

ווי האָסטו זיך דערוועגט דיין קינדס טאַטן צו פאַרשפּילן ?

דער צוג איז ווייטער געלאָפן,
דער צוג איז צו זיין ציל דערגאַנגען.
דיך האָט מען אויף אַ פרעמדער סטאַציע אַראָפּגענומען.

דיין האַרץ איז אין כעס געוואָרן אויף די נסיונות
מיט וועלכע דו האָסט עס געפּרוּווט.

אַרום איז שטיל געווען.
אַ רגע שטיל.

דערנאָך האָט אַ געוויין די שטילקייט דורכגעשרויפט
און איז צו די הימלען אַרויף.

— דיין קינד, דיין איינציק קינד האָט אָנגעהויבן וויינען.

אין דעם הירש

אין דעם הירש מיין געוויין ווען אים איז שלעכט,
ווען רעטונג זוכט ער אין די נעפּלדיקע שלייערן.
און אין דעם וואַלד מיין געשריי אין הונגעריקע נעכט,
ווען ער וואַיעט ביי אַ דאָרף מיט זאַטע פייערן.

אין דער פּי פון שטאַל פאַרן שטורעם מיין שרעק,
ווען אין דער פינצטער ווערן ווייסער אירע אויגן.
מיין צער אין יעדער קו, ווען עמעץ רויבט אַוועק
דאָס קאַלב, אין אייטער אירן איינגעזויגן.

מיין שפּלדיקייט אין דער פויזענדיקער שלאַנג
וואָס פרירט אין קאַלטע, שימלדיקע לעכער.
און אין דעם פויגל איז מיין שטאָלץ געזאַנג
וואָס פליענדיק בין איך פון אַלעם העכער...

מלווה־מלכה

דאָס כזית דאַרע חלה איז איינגעטונקט
אין שלוש־סעודותדיקן אומעט.
דעם טאַטנס בני היכלא־ניגון
און דער לעצטער זון־שטראַל אויפן שבתדיקן מוציא־מעסער
און דער פליגן־זשום אין דער איינגעוויגטער טונקלעניש —
אַלץ איז ווי אַ וואָר וואָס האָט זיך שוין אַמאָל געחלומט.

באַלד וועט אַ שטערן אַ פינקל טון אין שויב,
באַלד וועט די מאַמע זאָגן צו גאָט פון אברהם אַ לויב
און וועט אויסטון די זיידענע שאַל, די ווייסע...

אוי, עס גייט מיר דען אין דער מאַמעס שאַל?

דער געלער שוועבל־פלאַם רייסט זיך פון
דער מאַמעס פינגער.
די אויפגעוויגטע לאַנגע שאָטנס
און דעם טאַטנס אָנגעטרערטער קול ביי ויתן לך
און דאָס צישענדיקע פלאַקערן פון דער הבדלה —
אַלץ איז ווי אַ חלום וואָס איז אַמאָל געווען וואָר.

באַלד וועט מען באַהאַלטן דעם הבדלה־כּוס,
באַלד וועט דער טאַטע פאַררויכערן זיין אַסטמע־פּאַפּיראָס
און וועט צעבינדן דעם געפלאָכטענעם גאַרטל,
דעם שווערן...

אוי, עס גייט מיר דען אין דעם טאַטנס גאַרטל?

דער טאַטע נעמט זיך גלייכלייגן דעם שווערן וואָלענעם טלית.
דאָס שמאָלע, שוואַרצע חשבון־ביכל
און די קנייטשן אויף זיין הויכן פּאַרמעט־שטערן
און דער אייזערנער טאָפּ וואָס באַווייזט זיך אויף דער קיך —
אַלץ זאָגט אָן אַז ס'איז אַ סוף צום זיסן חלום.

באַלד וועט קומען דער קצב מיט אַ פאַרבלוטיקטער פעל,
באַלד וועט דער גאַרבער־ריח אַריבער אונדזער שוועל
און די שרעק וועט אויפגיין פון אָקסישע הערנער, קרומע...

אוי, מיין מורא פאַר די קרומע־אָקסן־הערנער!

פרעלודיע צו מיין בוך
„פנימער און נעמען"

דיכטער יידישע,
ס'האָט אייער ליד
דעם דאָרנבוים פון מיין געמיט,
נישט איינמאָל, אין אַ סנה פאַרוואַנדלט.
מיט אייך,
אין וואָגל־וועג פון לאַנד צו לאַנד
ס'האָט זיך דער שטעקן אין מיין האַנט
גאַנץ אָפּט צעבליט
און מעשה־נס —
צעראָזשינקעט, צעמאַנדלט.
— — —

אַצינד,
ווען אויף דער שוועל
פון שרעקנדיקן סוד,
נאָר אַלץ נאָך לויערנדיק אויף גאָט,
איך שטיי פאַרציטערט און צעשטאַמלט —
איך האָב אייך דאָ, אין קליינעם קרייז,
מיט אותיות יידישע,
שוואַרץ אויף ווייס
און פול מיט פאַרכטיקייט
צונויפגעזאַמלט.
— — —
אָ, גאָט, דו ווייסט דאָך יאָ,
מיט וויפל פרייד און וויפל פיין,
איך האָב זייער ליכט
אין זיך געטראָגן,
און וויפל כ׳האָב אין זיך אַליין
געקלאַפּט ווי אין אַ האַרטן שטיין,
כדי די פונקען פון זייער שיין
מיט ליבשאַפט אויסצושלאָגן.

י י ד י ש

האַר פון מיינע חלומות,
ווען דער ווייסער צוויט האָט געבליט אויף די ווײַנשל־ביימער
האָסטו געהייסן מיך ציילן די שטערן אין הימל
און דאָס זאַמד ביים ברעג ים.
האָסט מיר צוגעזאָגט אַזאַ נחלה
וווּ מיין יידיש וועט אייביק גרינען
און וווּ די פייגל אויף די דעכער
וועלן לערנען מיינע קינדער און קינדס־קינדער
דאָס ליד פון אמונה אין דיין צוזאָג.

ווען די גרינע קנאָספּן האָבן געפּלאַצט אויף די צווייגן
האָסטו געפרווּוט מיך מיט אַלע נסיונות פון וואָגל
און מיט דעם פאַרטויבנדיקן פּיין פון נע־ונד.
און ווען איך בין אויף הפקר־שטרוי געלעגן,
וואַרטנדיק דער מאָרגנדיקער טאָג זאָל מיך פאַרגעסן,
האָסטו געזאָגט צו מיר: שטיי אויף און נעם דיין לשון
און דערטראָג עס מיט אמונה צו מיין צוזאָג.

ווען די עפּל זענען רייף געוואָרן אויף דיביימער
האָסטו מיך צוריק געפירט צום לאַנד פון דער עקדה
און צום אַש פון אַ פאַרברענטער היים.
האָסט מיך געטראָפן צווישן חורבות
און באַפוילן: גיי פון דאַנען;
גיי, זוך אויף מיט יאָמער דיינע ברידער,
ווייל דורך געוויין וועל איך דעם לשון דיינעם
פאַראַרבן די נחלה פון מיין צוזאָג.

איצט פאַלן שוין אויף דער ערד די לעצטע בלעטער,
אוי, נישט די בלעטער בלויז, נאָר אויך די הויכע ביימער
אויף וועלכע ס׳האָט אַמאָל געבליט מיין לשון.
איצט אָבער האָב איך מער שוין נישט קיין גילוי־חלום.
פאַרשווּונדן ביסטו אין דער נאַכט, כאָטש איך רוף דיך
אין דער באַדרענגעניש פון אָפּגענאַרטקייט
אַז דו זאָלסט מיך ווי אַ קינד פאַרשפּילן מיט דיין צוזאָג.

האַר פון מיינע חלומות,
פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן מיך אין דער ענגשאַפט
ווען כ׳וויל שוין גאָרנישט, גאָרנישט,
אַחוץ דעם שימער פון דיין נאַרנדיקן צוזאָג?

ווינד און ווײ

ווינד און ווײ וועט זײַן צו דעם סוד
ווען די נאַכט וועט אַרויס פון דער סאָוועס אויג
און וועט זאָגן צו גאָט:
האַר, איך קען מער נישט שווייגן.

ווינד און ווײ וועט זײַן צו דער פינצטערניש
ווען די זון וועט זיך שטעלן פאַר גאָט
און וועט שרייען:
האַר, איך קען מער נישט וואַרטן.

ווינד און ווײ וועט זײַן צו דעם רעגנבויגן
ווען די קינדער פון דער נאַקעטער גאַס
וועלן זיך אויפכאַפּן מיט אַ געוויין:
האַר, גיב אונדז קאָלירן.

ווינד און ווײ וועט אונדז אַלעמען זײַן
אין יענער אויפגעברויזטער שעה
ווען די נעגל פונעם לײַב וועלן ווערן ווייך
און די שאָף וועלן זיך אַ לאָז־טאָן אים פאַרצוקן.

צו די שפּיצן ביימער

צו די שפּיצן ביימער, מיט זון־שיין זאַט,
ציען זיך אין בענקשאַפט די שיפע דעכער,
נאָר ס'פאַלט פון בוים דער לעצטער בלאַט,
ווייל די פייגל פליען פון אים העכער.

בענקען די דעכער אין זונענשיין
און דער בוים בלייבט הויל און נאַקעט.

עס חלומען די ביימער, אין זון־שיין מיד
פון פויגלס פלי אין די בלויע הייכן,
נאָר טרויעריק איז דעם פויגלס ליד,
ווייל ער קאָן דעם שפּיץ פון באַרג נישט גרייכן.

חלומען דיביימער אין זונענשיין
און דעם פויגלס נעסט ווערט ליידיק.

די טרוימען פון פויגל אין זונענליכט
האָט דער שפּיץ פון הויכן באַרג געפּאַנגען,
נאָר איבער דעם באַרג איז אומגעריכט
אַ שוואַרצער וואָלקן אויפגעגאַנגען.

טרוימען די פייגל אין זונענשיין
און דער באַרג ווערט גרוי פון צאָרן.

דאָס ליד וואָלט אייגנטלעך שוין געקענט
ביים שוואַרצן וואָלקן פאַרענדיקט ווערן,
נאָר דאָס בענקען אַרויף איז אָן אַן ענד
און העכער פון וואָלקן זענען די שטערן.

בענקט אויך דער וואָלקן אין שטערנשיין,
אַ שוואַרצער פון קינאה און ווייטיק.

אַפילו די שטערן וואָס מיט זייער הויך,
ס'קאָן זיך שוין גאָרנישט נישט פאַרגלייכן,
טרויערן שטיל און ציטערן אויך,
ווייל זיי קאָנען מיין חלום נישט דערגרייכן.

ציטערן די שטערן אין גרינעם שיין,
ווייל איבער זיי שטייגט מיין חלום.

ווען כ׳וועל אַוועק...

מלפּהלען

און ווען איך וועל אַוועק פון דאַנען,
וואָס בלייבט פאַר אייך מיך צו דערמאַנען?

— עס בלייבט אין סאָד אַ גרינע צווייג
וואָס וויגט דעם ווינט אין אירע בלעטער
און אין דער שעה ווען אַלצדינג שווייגט
מיט סוד פון ווערטער נישט־דעררעדטע —
וועט עמעצער פון אייך, קאָן זיין,
פאַרקוקן זיך אויף גרינע צווייגן
און זאָגן שטיל אין אָוונטשיין:
ס׳איז גוט געווען מיט אים צו שווייגן.

ווער ווייסט, ווער עמעצער פון אייך, ווער ווייסט,
דערמאַנען זיך אין מיינע לידער
און זאָגן: גאָט, דו איינער ווייסט,
אַז אויך אין שעהען פון ירידה
האָט ער זיין וואָרט פון רעש געהיט
און נישט געלאָזט אין טומל שטייגן.
כאָטש אָרעם האָט זיין וואָרט געבליט,
דאָך רייך געגרינט האָט עס מיט שווייגן.

דאָס שווייגן וואָס אין האַרצן זינגט
האָט ער מיט שאָטן־פאַרב פאַרשריבן
און ס'איז, אָ, האַר, פון אַלעמדינג
אַ ביסל שטילקייט נאָר פאַרבליבן;
די שטילקייט פון אַן אָוונט־שעה,
ווען ווינטן חלומען אויף צווייגן...
דער ווינט איז דאָ, דער בוים איז דאָ
און דאָ איז אויך זיין גרינגער שווייגן.

אָט דאָס, קאָן זיין, מיך צו דערמאַנען
פאַרבלייבט ווען כ'וועל אַוועק פון דאַנען.

אַ רויז האָט אויפגעבליט

אין מיטן ווינטער

CANTATA EROTICA

דיך האָט קיינער נישט געפֿאַנגען,
ווייל דו אַליין ביסט די פֿאַנגשטייג.

דיך האָט קיינער נישט באַזונגען,
ווייל געזאַנג ביסטו אַליין.

איך האָב געזען די זילבערנע וואַסערן פון שחרית:
זיי האָבן פון דיין ווייסקייט
לאַנגע דינע שטראַלן אויסגעשליפן,
דאָס ליכט האָט מיך פֿאַרבלענדט.

איך האָב געזען די פורפורנע כוואַליעס פון מנחה:
אויף דעם ברוינעם מעכטיקן פידל פון דיין גוף
האָבן זיי מיין הייסע בענקשאַפט אויסגעשפּילט...

נאָך מעריב איז געשען דער נס.
זוכנדיק אין דער פינצטער די שוואַרצע סאַמעטענע פייגל
האָב איך צוויי יונגע לייבן אָנבאַגעגענט.

פון דער פינצטער זענען זיי מיט הייסן אָטעם אויפגעשטיגן
און מיך אין דזשונגל מיטגעשלעפּט.
כ'האָב פולע הענט געהאַט מיט פאַנג
און זיסער שוידער איז אַדורך מיין לייב.

אַ ווייס פייער האָט אויפגעלויכטן
אין אַלע ווינקעלעך פון מיין געביין.

נאָענט נעבן מיין האַרץ האָט אַ פּייקל זיך צעפּויקט
און מיינע אברים האָבן געפיבערט
אין ריטעם פון דעם טאַם טאַם־געפּויק.

מיטן ערשטן באַגינען־שטערן
איז דער נאַרישער יעגער געווען אַ פאַרצוקטער
פון אַ ברענענדיק גליק.

ווער זאָגט אַז דער סנה ברענט אין דער מדבר נאָר?
ווער זאָגט אַז נאָר דער דאָרן ווערט נישט פאַרלאָשן?

און דיך האָט קיינער נישט באַזונגען,
דיך האָט קיינער, קיינער נישט געפאַנגען....

געבליבן ביסט...

געבליבן ביסט פאַר מיר נאָך אַלץ פון דעמאָלט,
ווי פאַר דער פוסטער שטוב דאָס פלעמל,
וואָס טיילט זיך פון דעם חושך אָפּ
מיט ציטערדיקע, אויפגעוויגטע קרייזן.
איך בין אַליין די שטוב
און מיין בענקשאַפט איז די פינצטערניש אין איר,
וואָס קען צו דיר
אין קרייז פון ציטערדיקער שיין
שוין נישט אַריבערשפרייזן.

נאָר אין דער חושכדיקער טיף פון פיין,
איך היט דיך אָפּ מיין ציטערדיקע שיין,
כדי כ'זאָל זיך אַליין אויף אייביק נישט פאַרלירן.

איך ווייס:
די פינצטערניש איז גרויס —
נאָר דאָ ביי דיר זי הויבט זיך אָן
און ענדיקט זיך אָט דאָרט ווו דו הייבסט אָן,
מיט בלייכן ליכט
אין ציטערדיקע קרייזן שעמערירן.

ווי אַ ליכט...

אין מיין דערמאָנונג ביסטו
ווי אין אַ לייכטער דאָס ווייסע ליכט:
ווייס און קיל
און שטענדיק בלויז
אַליין מיט זיך.
שטייף ביסטו און האַרט,
ווי אָן אַ האַרץ.
דו ציסט זיך שטרענג אַרויף,
דו וואַקסט
און וואַרטסט.

פאַרוואָר, כ׳האָב אין דיין אויגן־שיין
געזען נאָך דעמאָלט, דעמאָלט
דעם שטילן רייץ פון ציטערדיקן פלעמל
וואָס וויגט זיך שעמעוודיק און באַנג
אין הייסן אָטעם פון פאַרלאַנג.

פאַרוואָר, עס האָט דער בלאַסער שימער פון דיין לייב,
די שטייפע רונדיקייט פון דיין געבוי,
מיך נישט גענאַרט.
פאַרענדיקט שוין און דאָך נאָך אומבאַשטימט אַזוי
האָט פון דיין מיידל־גוף אַרויסגעשפּאַרט
די רייפע פרוי.

און איך האָב דעמאָלט שוין געוווּסט:
דאָס בלינדע טייכעלע זיין גאַנג
געפינט אַליין זיין וועג צום ים.
נאָר דו וועסט וואַרטן אויף אַ פרעמדן פונק,
כדי אַליין צו ווערן פלאַם.

און ווען די ערשטע יוגנט־זינד
וועט דיך מיט אירע סודות צינדן,
עס וועט דיין תפילה זיין:
דאָס פייער זאָל פון דיר שוין נישט פאַרשווינדן.

און גרייט וועסט דעמאָלט זיין
אין זיך אַליין דעם גיהנום־בראַנד דערקענען
און נישט שוינען וועסטו זיך אַליין
אין שרפה אייגענער פאַרברענען...

איך האָב געמיינט...

איך האָב געמיינט דו וועסט מיר געבן די זאָרגלאָזיקייט
פון אַ יונגן לאָשיקל וואָס לויפט מיט פאַרריסענעם קאָפּ,
אַ צעהירזשעטער איבער פליינען.
דו האָסט מיר געגעבן די פאַרזאָרגטקייט פון דער פּי
וואָס פיבערט אין שטאַל אין אַ שטורעם־נאַכט
ווען בלינדע סאָוועס וויינען.

איך האָב געמיינט דו וועסט מיר געבן די רו פון אַ טויב
וואָס קרייזט דעם טויבנשלאַק אַרום פאַרנאַכט,
ווען אַ מידע וועלט אין ראָזע סאַזשעלקעס זיך שפּיגלט.
דו האָסט מיר געגעבן דעם אומרו פונעם אָדלער
וואָס רייסט די שטילקייט אויף מיט זיין געשריי,
ווען ס'בריט די יעגער־קויל און פלאָנטערט זיינע פליגל.

איך האָב געמיינט דו וועסט מיר געבן די פרייד פון קאָרנפעלד
ווען מיט קילע פינגער קעמט אַ ווינט אין מנחה־שעה
די דרעמלענדיקע זאַנגען.
דו האָסט מיר געגעבן דעם צער פון אַ בוים
ווען אויף זיין האַלדז האָט זיך דער האַרבסט
אַ געלער אויפגעהאַנגען.

זיך גלייך איך...

זיך גלייך איך צו אַן אַלטן ברונעם,
אַ פֿאַרגעסענעם, אין קילן מאָך פֿאַרדרימלט.
און דו ביסט
דער שוואַרצער הימל,
וואָס האָט זיך אויף זיין דנאָ פֿאַרקליבן
מיט אַלע זיינע שטערן.

און דו ביסט שוין
אין מיר אַזוי פֿאַרבליבן,
ווי די נאַכט פֿאַרבלייבט אין ברונעם,
ווען אין דרויסן נעמט עס ליכטיק ווערן.

איך האָב געגרייזט...

איך האָב דיך מיט דער זון געגלייכט
און האָב געגרייזט.
אַ גאַנצן טאָג האָט זי געלייכט
און אַלע שאָטנס אויסגעווייסט.
נאָר ווען זי איז אַוועק פאַרנאַכט
איז אַלץ צוריק געוואָרן גראָ.

דו אָבער לייכסט פאַר מיר
אויך ווען דו ביסט נישטאָ.

הינטער דיינע וויעס

הינטער דיינע וויעס פאַרגייען זונען,
נאָר עפנסטו די אויגן אויף —
האָב איך דעם הימל צוריק געפונען.

אין מיין טאָג ביסטו
דאָס וואַרעמע ליכט
און ווען דער אומעט וואַלקנט דיין געזיכט
בין איך דער פויגל, וואָס זיין ליד פאַרגעסט,
ווען ער דערזעט: ס'איז אומבאַשיצט זיין נעסט
פאַר די בליצן וועלכע ס'ברענגט מיט זיך
דער שטורעם.

צוויי אויגן

צוויי אויגן דורך נעפּל פֿאַרבענקט
געקוקט האָבן ערגעץ פֿאַרביי מיר
און האָבן אַ גרוס מיר געבּרענגט
פֿון גרינע צעפּרילינגטעביימער.

אויף ווייסקייט פֿון נאַקעטע ציין
האָט רויטקייט פֿון ליפּן צעגליט זיך
און איך, דער נאַר, האָב געמיינט,
עס האָבן שוין קאַרשן צעבּליט זיך.

אַ קלאַנג פֿון אַ מויל, אַזוי ווייך,
האָט ערגעץ מיט פֿלייטן פֿאַרטוישט זיך
און מיינען האָב איך געמיינט:
אַ טייך האָט מיט זומער צערוישט זיך.

דאָס אַלץ איז געווען אין אַ טאָג,
אין אַ האַרבסטיקן ווינט־טאָג אַ טריבן,
ווען ס'האָט זיך דער רעגן צעקלאָגט
מיט טרויער אויף מיינע שויבן.

אָ, זיי צו מיר גוט

אָ, זיי צו מיר מילד, אַזוי ווי דאָס ווינטל,
וואָס בלאָזט אין פאַרנאַכט נאָך אַ זומער־טאָג הייסן;
דאָס ווינטל דער שטיפער, וואָס צערטלט די גראָזן
און שפילט אויף זיין פייפל: לבנה־שטראַל ווייסן.

אָ, זיי צו מיר גוט, אַזוי ווי דער רעגן,
וואָס וואָגלט מיט באָרוועסע טריט איבער פעלדער;
דער רעגן, וואָס קושט די פאַרטרויערטע שויבן
און וואַשט אויס די טונקעלע בערד פון די וועלדער.

אָ, זיי צו מיר ליב, אַזוי ווי דער שטראַל,
וואָס צייטיקט און רויטלט אויףביימער די עפל;
דער שטראַל וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אינעם קעלער
און גלעט דאָרט מיט ליבשאַפט אַ קינדעריש קעפל.

אָ, זיי צו מיר גוט, אַזוי ווי דער שלאָף,
וואָס קומט צום פאַרמאַטערטן טרעגער פון קוילן;
דער שלאָף, ווי אַ מאַמע וואָס קומט אין שפיטאָל
און טראָגט אין דער שירץ דעם חלום פאַרהוילן.

אַלטמאָדישער ראָמאַנס

און אַז ער וועט קומען אין זוניקן בלענד,
שטאָלץ פון זיין שיינקייט, ווי פורפור וואָס ברענט
און ברענגען דאָס ליכט פון זיין ליבע צו טראָגן,
שוועסטער, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

זאָג אים, אָ, שוועסטער, עס איז שוין צו שפעט,
עס האָט שוין די בענקשאַפט פאַרלאָשן די אויגן.
כ'האָב תמיד פון אים נאָר אין פליסטער גערעדט,
נאָר ס'זענען די יאָרן ווי שוואַלבן פאַרפלויגן.
די שוואַלבן אין פלי איז שווער צו דעריאָגן.

און אפשר זאָלסטו אים גאָרנישט נישט זאָגן?
דו ווייז אים די וואַקסענע ליכט וועלכע ברענען,
איך וועל אים שוין סיי ווי, סיי ווי נישט דערקענען.
זאָל ער אַוועקגיין און איך דאָ אַליין
וועל וואַרטן אויף שעה פונעם שטילן פאַרגיין.

און אַז ער וועט קומען פאַרפייניקט און מיד,
שטיל ווי דער טרויער וואָס זינגט אינעם ליד,
און אַז ער וועט זאָגן איך האָב אין דעם ווינט
פאַרלוירן מיין לעבן ווי'אַ גראָשן דאָס קינד?

זאָג אים, מיין שוועסטער, כ'האָב אויכעט אַזוי־נאָך
פאַרלוירן מיין לעבן אין פיבער פון אַנען
און ס'זענען די טעג ווי פרוכטן מיט טוי נאָך
אַוועק ווו אויף שוואַרצע פאַרסאַפּעטע באַנען.
די באַנען אין לויף איז שווער צו דעריאָגן.

און אפשר זאָלסטו אים גאָרנישט נישט זאָגן?
פאַרמאַך אַלע לאָדנס, פאַרלעש יעדן פינקל
און זאָל ער זיך שטעלן אַוועק אין אַ ווינקל
אין באַזונדערע ווינקלען, מיט שטילן געוויין,
מיר וועלן דערוואַרטן די שעה פון פאַרגיין...

האַרבסט־מאָטיוו

זי זאָגט מיר: בלייב.
רויטע בלעטער פאַלן.
עס שוימט דער טרויבן־ווייַן אין גרינע פעסער.
זי בעט מיך: בלייב.
איך וואַרט אויף דיר,
ווי ס'וואַרט דאָס קאָרן־ברויט אויף שאַרפן שניט פון מעסער.

זי בעט מיך: בלייב.
דאָס ווייץ איז שוין אין שייער
און ס'רייפט דער האָניק־ווייַן אין שווערע לאָגלען.
ס'דערוואַרט דיך זעט און וואַרעמקייט פון פייער,
ס'איז האַרבסט,
וווּ וועסטו איצטער וואָגלען?

אויף יעדער פרוי

אויף יעדער פרוי וואָס גייט פאַרביי
איך קוק אַ גלויביקער אין אָוונט.
כ'האָב אָפּגעדינט פאַר איר געטריי
אַ גאַנצן טאָג ביים פעטער לבן.

אַ טאָג ווי זיבן יאָר געוואַרט,
געקאָלערט שווערע ברונעם-שטיינער,
כ'האָב אָנגעטרונקען פרעמדע שאָף,
נאָר נישט געשטילט די בענקשאַפט מיינע.

ביים אויפשפּראָץ פון באַגינען־ליכט,
איך קאָרטשע זיך אין מיינע ווייען:
איך האָב פאַר רחלען דאָך געדינט
און אַנשטאָט איר באַקומען לאהן.

און טאָג נאָך טאָג איך דין אַזוי
ביים אַלטן געלן פעטער לבן,
אויף יעדער פרוי וואָס גייט פאַרביי
איך קוק אַ גלייביקער אין אָוונט.

פאָלקס־מאָטיוו

װען מיר זענען צום טײַכל שפּאַצירן געגאַנגען
דער עפּל־בוים האָט נאָך אין װײַסן געבליט.
די רייד פון מיין מאַמע האָב איך נישט פאַרשטאַנען
װען מיר זענען צום טײַכל שפּאַצירן געגאַנגען
און האָב פאַר דיין חן זיך מיט גאָרנישט פאַרהיט.
די חברטעס האָבן געװאָלט מיך דערמאַנען,
אַז קומען די צייט װעט און ס'װעלן פאַרװיאַנען
די ביימער װאָס האָבן אין װייסן געבליט.

זאָגט מיר אָ, ליבע, װוּ איז ער אַצינד?
שטיל איז, עס שרייט נאָר אין האַרצן דער װינט.

איצט גיי איך צום טײַכל אַיעדן פרימאָרגן.
דער בוים האָט די בלעטער פאַרלוירן שוין לאַנג.
איך קאָן פון דער מאַמען שוין גאָרנישט פאַרבאָרגן,
זי זעט װי איך שטיי איצט אַיעדן פרימאָרגן
ביים ברעג פונעם טײַכל װאָס גייט זיך זיין גאַנג.
עס לאַכן די חברטעס אויס מיינע זאָרגן
און ס'ליגן די פייגל פון ליבשאַפט דערװאָרגן
ביים בוים װאָס די בלעטער פאַרלוירן האָט לאַנג.

זאָג מיר אָ, ליבע װוּ איז ער אַצינד?
שטיל איז, עס שרייט נאָר אין האַרצן דער װינט.

פון שוואַרצן טינט

דאָרען

פון שוואַרצן טינט אַרויס
האָט אויפגעבליט אַ רויטע רויז,
אַ רויטע רויז פון שוואַרצן טינטער —
אין מיטן ווינטער.

די רויז האָט אויפגעבליט און ביז
איך האָב געכאַפּט זיך אַז דאָס איז
אַ פּלאַדיקע זאַך וואָס זייער זעלטן
געשעט אַזוינס אויף אונדזער וועלטל,

האָט זיך דערהערט אַ שטיל געזאַנג
וואָס האָט געקלונגען מילד און באַנג
און האָט די ווינטער־לופט אַרום מיר
אָנגעפילט מיט ריח פון זומער.

דערנאָך האָט זיך אַ גרינער וואַלד
צערוישט אין שטוב און טאַקע באַלד
דערהערט האָב איך ווי ס׳וואַרקען טויבן
אַ ליד פון האָפן און פון גלויבן.

און אָט דער נס געשען איז מיר,
דו ווייסט פאַרוואָס? ווייל אויף פּאַפּיר,
כ׳האָב אות צו אות צונויפגעקליבן
און האָב דיין נאָמען אויפגעשריבן...

דו...

ווען איז דאָס געווען ?
זומער ? ווינטער ? בייטאָג ? ביינאַכט ?
האָט דעמאָלט די זון געשיינט ?
האָבן גראָד די שטערן געפינקלט ?
האָט דאַן דער בעז געבליט,
אָדער ס׳האָט געגליט דער פראָסט ?
ווי מאָדנע : פון די אַלע פּרטים
קיין איינציקער פּרט
איז נישט פאַרבליבן אין זכרון.
אַלץ וואָס כ׳געדענק איז בלויז אַ קלאַנג,
אַ פראַזע פון אַ ניגון וואָס ציטערט באַנג
און ברענגט צוריק דורך אַלע יאָרן
די זיסע שפּירונג פון אַ גליק
וואָס דאָס אַלץ, דאָס אַלץ איז אַמאָל געווען,
כאָטש כ׳געדענק נישט ווען
און כ׳געדענק נישט ווו,
ווייל פון אַלעם פאַרבליבן
ביסטו בלויז,
דו...

ל אַ נ ד ש אַ פ ט ן

פ ו ן ג ע מ י ט

די לאַנדשאַפטן פון זכרון

מיין יוגנט־חבר נחמן פייפער

די לאַנדשאַפטן פון זכרון זענען גרין ווי אַמאָל
און כישופן מיט זייער שיינקייט דעם געדענקער.
די ווייטע בלויקייט פונעם וואַלד און די ווייסע רויכן פונעם טאָל
זינגען אַלץ נאָך אין געמיט פון נע־ונדן בענקער.

די לאַנדשאַפטן פון זכרון — ווי גאָרנישט וואָלט געשען,
ווי ס'וואָלט די צייט זיי נישט פאַרזייט מיט קברים.
זיי קומען צוריק אין חלום ווי דו וואָלסט נאָך געווען
אַ יינגעלע אַ קליינס, וואָס ס'זענען קוים אַכט יאָר אים.

און כאָטש דו ווייסט אַז ס'איז שוין דאָרטן מער נישטאָ
די שלווהדיקע שיינקייט פון דיינע קינדער־יאָרן;
און כאָטש דו ווייסט אַז יענער כישופדיקער בלאָ
איז לאַנג שוין רויט פון דיין פאַרגאָסן בלוט געוואָרן,

דאָך ציט עס אַלץ און ציט אין קינדערלאַנד אַהין,
דעם נע־ונדן זקן, דעם געדענקער.
די לאַנדשאַפטן פון זכרון, זיי זענען אייביק גרין
און זינגען אין געמיט פון מידן בענקער.

סוף־זומער

ווי שווינדזוכט־קראַנקע
אין בלויע געוואַנטן געהילט
שווייגן די הימלען אין טרויער פאַרשפּילט.

לעצטע, לעצטע זומערדיקע טעג
שטייען ווי עגונות ביי וואַסערן שטילע.
די דעמערונג שפּילט מיט פינגער קילע
אויף איר פלייט — דעם ברוינעם וועג
דאָס ווייטע מידע פאַסטוך־געזאַנג.

סוף־זומער. רויטע בלעטער פליען
און פאַלן צו די פיס פון צעפּאַטלטן ווינט.
מיט אויגן פאַרגאָסענע פון רויטער שקיעה
גאַפן אין פאַרנאַכט אַלטע פאַסטוך־הינט,
פאַרהערט אין שטילן פלייטן־קלאַנג.

מיין חלום בליט איצט
מיט וויאַנענדיקע פאַרבן פון פאַרגאַנג.

מאָרגן קומט דער האַרבסט
און גרויע ווינטן וועלן
לוויה־לידער שפּילן
אויף אַלטע וויאָלאָנטשעלן.

נאָקטורן

אין שפּעט־זומערדיקער נאַכט
זענען מיינע שויבן בלויע טייכן,
עס שווימט אויף זיי אַן איינגעוויגטע שטאָט
וואָס וועט צו ווייטע ברעגעס גרייכן.

שיף פון מיין לעבן, ווו איז דיין האַפן ?

אין שפּעט־זומערדיקער נאַכט
זענען מיינע שויבן בלויע הימלען
אין ווייכע וואָלקנס איינגעוויגט
די שטערן ציטערן און דרימלען.

גאָט, מיין גאָט, ווען וועל איך רוען ?

אין שפּעט־זומערדיקער נאַכט
זענען מיינע שויבן בלויע שליאַכן,
אַ שטילער חלום גייט אויף זיי
די מידע וועלט באַוואַכן.

גאָט, מיין גאָט, ווער וועט מיך היטן ?

ווינטער פאַרנאַכט

די זון פאַרגייט.
עס גליווערן וועלדער מיט פראַסטיקע בערד
און טריפן דאָס זון־גאָלד אויף שטאַמען אַראָפּ.
נאָר יעדערן בוים נאָך דאַכט זיך: ער הערט
ווי ס׳פלאַטערן שוואַלבן איבער זיין קאָפּ.
די זון פאַרגייט.

די זון פאַרגייט.
עס גליווערן טייכן פאַרגלאָזטע, געשמידט
דורך אייזיקן אָטעם, פאַרלאָשן און גראָ.
נאָר יעדערער כוואַליע נאָך דאַכט זיך: זי גליט
מיט שטערן וואָס פינקלען דאָרט טיף אויפן דנאָ.
די זון פאַרגייט.

די זון פאַרגייט.
עס גליווערן פעלדער אין דעמער געהילט,
דורך שניי און דורך קעלט פאַרקאָוועט, פאַרקלעמט.
נאָר יעדערן פעלד נאָך דאַכט זיך: עס פילט
ווי זיינע זאַנגען אַ ווינטעלע קעמט.
די זון פאַרגייט.

* * *

עפּעס האָט היינט דאָ זיכער געטראָפן.
די סאַמעטענע שוואַלב איז פון נעסט אַנטלאָפן
און די ראָב אויפן דאַך קראַקעט: קראַ...
ס'איז היינט ביינאַכט געשען עפּעס.
די קעפּ פאַרוויקלט אין שאָטן־קרעפּעס
מורמלען די יאָדלעס: ס'אַ נאַכט אַזאַ...

עמיצער איז היינט געשטאָרבן אַוודאי.
דער קאַשטאַן-בוים איז זיך פאַרן ווינט מתוודה,
זיינע ווערטער זענען שטיל, מען הערט זיי קוים.
עס זיפצט דער סאָד: ס'אַ ווי סטע פּלאָג!
דער עפּל־בוים פליסטערט: ווען ווערט שוין טאָג?
גרינע אַגרעס טוליען זיך צום פלוימען־בוים...

די ווייסע בעריאָזע אין פעלד אַליין
פיבערט שטיל און איר געוויין
דערגייט צו קינדעריש וויגל.
ווי אַ באָבע די ווינטמיל הויערט אין שרעק,
עס שרעקט זי צופוסנס די שלאַנג — דער וועג,
עס שרעקן זי די אייגענע פליגל.

ווינט און וואָלקן שלענדערן קיל
און האָבן די שטערן אויסגעפאַנגען.
עמעץ איז היינט ביינאַכט אין דער שטיל
ערגעץ זיכער אויסגעגאַנגען...

דורך מיין פענצטער

דורך מיין פענצטער זע איך דעם פריען האַרבסט.
ער טוליעט זיך אין ווייסע נעפּלדיקע שלייערן.
דורך מיין פענצטער זע איך געשוירענע שאָף
און פאַסטוכער ביי ווייטע מידע פייערן.
אויפן וועג — באַרג אַראָפּ — גייען צוויי ברוינע פערד.
די רויטע אָוונט־זון ברענט אין זייערע אויגן.
(באַרג אַראָפּ־צו לויפט דער וועג, מיט טעלעפאָנען־סלופּעס
אויף דער וואַנט)
באַלד קומט די נאַכט. דער האַרבסט, די שוואַלבן
זענען שוין פאַרפלויגן
עס וואַרקען נאָר און פלאַטערן די טויבן אויפן דאַך.

פעלדער וויאַנען איצט מיט פאַרבן
ווי די חופה־קאָלדרעס אויפן בעט פון אַ יונגער עגונה.
נאָר די עפּל־ביימער שטייען רייפע, באַלאָדענע
און ס'רופט די צייטיקייט פון הינטער בלעטער גרינע.

באַלד קומט די נאַכט, דער האַרבסט.
די שוואַלבן זענען שוין פאַרפלויגן.
און נאָר דער אומעט פון דער וועלט
קוקט אַריין אין מיינע אויגן.

ווינטער פרימאָרגן

אַ יונגער באַגין פעכלט אויף די בלויע שויבן.
דער טאָג גייט אויף
מיט ווייסן פליגל־פלאַטער פון די פליענדיקע טויבן.

אַ ווינטערדיקע זון הייבט אויף זיך איבער שניי־באַדעקטע ווייטן.
פון וואַלד אַרויס
עס קומט דער פראָסט אויף יונגע הירשן אָן צו רייטן.

וואָס פינקלט עס אַזוי, פרימאָרגן, אויף די רחבותדיקע פעלדער?
וואָס קלינגט אַזוי
מיט זילבער־גלעקלעך אין דער ווינטערדיקער העל די ר?

זון און שניי און ווייסע ווייטקייטן, זיי זינגען.
העי, יונג ביסטו
און ס׳איז דיין פרייד נאָך ייִנגער...

ווי גוט...

ווי גוט איז איצט,
ביים פענצטער אָפענעם אַליין,
צו זיצן וואַך,
צו האָרכן און צו שווייגן.
צו זען ווי שטערן פאַלן אין דעם טיפן קאָרב פון נאַכט,
צו הערן ווי עס פאַלן רייפע עפל פון די צווייגן.

ס'איז האַלבע נאַכט.
פון סטויגן היי אויף פעלדער
גייען ריחות אויף צייטיקע, געשמאַקע.
עס דאַכט:
דער הימל און די ערד,
די טייכן און די וועלדער
רעדן עפעס צווישן זיך — בקול דממה דקה —
וועגן זאַכן שטרענג־פאַרטרוילעכע, געהיימע.

און מיט אַמאָל —
עס כאַפּט זיך אויף דער ווינט
(שאָקלענדיק און שושקענדיק צעווישן זיך די ביימער).
ערגעץ ווו וועקט איבער זיך אַ קינד,
עס קרייט אַ האָן און ס'בילן הינט
מיט אימה.

נאָר באַלד ווערט אַלץ צוריק פאַרשטילט.
דאָס געוויין פון קינד
און אויך דאָס בילן פון די הינט
לעשן אויס זיך מיט אַמאָל
אין נאַכט דער שפּעטער.
די ביימער וויגן זייערע שאָטנס איין
און ווידער שלאָפט שוין צוריק דער ווינט
אין שוואַרצן סאַמעט פון די בלעטער.

ווי גוט איז איצט ביים פענצטער אָפענעם אַליין
צו זיצן שטיל, צו הערן
די זיסע פידלען פון דער קליינער נאַכט־מוזיק,
ווען אויף דער בלויער חלום־בריק,
וואָס ציט זיך ביז די שטערן,
גייען אום, כלומרשט ווי פאַרוואָרט,
אונדזערע בייטאָגיקע באַגערן.

ששש... ס'איז חלום־צייט,
ביטע נישט צו שטערן.

ערב שטורעם

פון דער שקיעה געבליבן איז אַ בלוטיקער פלעק
און ס׳בייגן צו דער ערד זיך די טונקעלע צווייגן.
די פישערס פאַרכמורעטע גייען פון שטובן אַוועק,
זייי רייכערן לולקעסביים ברעג און זיי שווייגן.

אין שטעלער טוליען די פּי זיך צונויף
און ס׳ווערן אין פחד די ווייסלען זיי גרעסער.
הינט וואָיען מיט שפּיציקע מאָרדעס צום הימל אַרויף
און זעען ווי ס׳שאַרפט זיך אַ בליציקער מעסער.

פּעכיק און שווער פאַלן טראָפּנס אין זאַמד,
דער ים נעמט זיך שוימען, שליידערן, ברומען.
די פישערס ביים ברעג שטייען שווער און פאַרתּמט,
זייי רייכערן לולקעס, זיי האָרכן און שטומען.

אָוונט

דער אָוונט לייגט זיין סאַמעטענעם קילן קאָפּ
אויף טונקעלן געפלעכט פון גרינע צווייגן.
אַ מידער אויף דער קני דער וואַלד זיך לאָזט אַראָפּ
און וויגט אַליין זיך איין אין זומערדיקן שווייגן.

די דעמערונג לעשט אויס די דאָרפיש ווייסע ווענט.
איין גרויסער שלאַך צו נאַכט עס ווערט איצט יעדער שטעגל.
נאָר ערגעץ־ווו אַ שויב מיט רויטן פלאַם דערברענט
און שווימט אַוועק אין ווייט — אַ פלאַקערדיקער זעגל.

די זעגל־שיף פאַרבלייכט, לעשט אויס זיך און פאַרשווינדט,
אין הויכן הימלבלוי די שטערן ווערן גרעסער.
און ווייט אין מזרח־ראַנד אַ רויטער סערפּ זיך צינדט —
לבנה איבער זאַנגענפעלד — אַ בלאַנקער, קרומער מעסער.

דערמאָנונגען וועגן דער אַזיאַטישער לאַנדשאַפט

ווייט, דאַרט ווייט,
אויף אַ פאָן אַ מילכיקן און ווייכן,
זעט מען קיילעכיקע בערג,
ווי מיט אַ פעדער אָנגעצייכנט.
איבער זיי אין „סטיל-אָריענט" —
אַ מעשענע לבנה ברענט
און שימערט אָפּגעשייערט באַנג
מיט קאַלטן שיין פון טעאַטראַלער דעקאָראַציע.
צוויי שמאָלע ביימער — הויך און שלאַנק —
דבקותדיק ווי אין געזאַנג.
מיד פאַרחלומטע,
זיי שטייגן אויף מיט מזרחדיקער גראַציע.

ווי וואָר און ווי באַנאַל
די שיינקייט איז אויף קילע לאַנדשאַפטן
פון נעכט, די אַלמאַ-אַטער.
שאָטנס פון אַמאָל דאָ גייען אום
אין אויפגעמאָלטער ראָם
פון פורים־שפיל און גאָלדפאַדען־טעאַטער.

עס דוכט זיך: אַ פאַפירענעם מאַקעט
פון אַ ווייטן עבר־שפיל עס זעט
מיין אויג אַצינד אין שאָטן פון די ביימער.
אָט דאָ —

מיט שווערד און שפּיז באַלד ווידער וועט
דער אויפמאַרש זיין פון די סאָלדאַטן־רוימער.
אָט דאָ —
דער אַלטער רבי אליעזר וועט
אין בלויען ראַמפּע־ליכט פון אַזיעס שטערן,
ווי אין בר כוכבא־שפּיל
באַנייס דערשטאָכן ווערן.

און אויפן ליימיק־געלן וועג,
פון פּורים־שפּיל אַרויס בפירוש,
איך זע
ווי צו זיין מלכה אסתר גייט,
דער אַלטער טיפּש אחשוורוש.

נאָר שאַט!
אין שטריימל פּוטערנעם, אין וואַטענעם כאַלאַט,
ווער איז דאָס דאָרט, וואָס אויף זיין אייזעלע זיך וואַקלט?
ס'איז אפשר גאָר דאָס פון תנ"ך
דער אַלטער בלעם וועלכער רייט
צו זיין מאָרגנדיקן שילט־ספּעקטאַקל?
ניין, ניין, אַן אָרטגעבירטיקער קאַזאַך,
מיט אויגן שמאָל — אַ שוואַרצער בליץ,
רייט פון שטאָט אַהיים דאָ איצט
צו זיין הויכבאַרגיקן אַאול.

ווי וואָר און ווי באַנאַל,
עס דאַכט זיך דער אַמאָל
פונעם תנ"ך און גאָלדפּאַדען־טעאַטער,
אויף די קילע לאַנדשאַפטן פון היינט,
אין נעכט די אַלמאַ־אַטער.

אַלמאַ־אַטאַ, 1944

אַ שטורעם

מיך האָט היינט אַ שטורעם געטראָפן
אַליין אויף אַן אָפענעם פעלד.
איך בין צו אַ ווערבע דערלאָפן
און אונטער אַ צווייג זיך געשטעלט.

איך שטיי און דער הימל אַנטקעגן
שטרעקט אויס מיר אַ בלענדיקע שווערד.
פאַרציטערט פון ווינט און פון רעגן,
די ווערבע, זי בייגט זיך צו דר'ערד.

כ'פאַרמאַך אויף אַ רגע די אויגן
און ס'דוכט זיך מיר אויס: איך בין בלינד.
איך שטיי ווי די ווערבע געבויגן
און ציטער ווי זי אינעם ווינט.

נאָר פלוצלינג און כ'נעם זיך דערמאַנען
(און ס'פיבערט די נאַכט אין מיין בליק)
כ'בין דוכט זיך אָט דאָ שוין געשטאַנען
מיט יאָרן אַזויפיל צוריק.

געשטאַנען ווי איצט דאָ אַנטקעגן
דער הייסער, צעשויבערטער נאַכט,
געהערט אינעם רויש פונעם רעגן
אַן אַלטע, אַן עלנטע שפּראַך.

געזען ווי אַ טאָפּאָל, אַן אַלטער
לויכט אויף אינעם שיין פון אַ בליץ.
אָט גיט ער אַ וויג זיך... אָט פאַלט ער
און ווידער ווערט פינצטער ווי איצט.

ס'קאָן זיין דאָך: פון דעמאָלט ביז איצטער
כ'שטיי אַלץ נאָך דערשראָקן און קליין
און האַלט אין די ציין, די פאַרקריצטע
דעם קנויל פון פאַרשטיקטן געוויין.

קאָן זיין, אַז פון דעמאָלט ביז היינט נאָך
איז גאָרנישט, נאָך גאָרנישט פאַרביי.
די קינדערשע שרעק מיינע וויינט נאָך,
ווי דאַן — אין מיין איצטיקן שריי.

קאָן זיין, אַז איך שטיי נאָך אַצינד דאָ
זייט דאַמאָלט אין פלאַטער פון ווינט.
אוי מאַמע, מאַמע — געפין דאָ
צוריק דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קינד.

דאָס לעצטע מאָל...

האַלט אַ ווײַל דעם אָטעם אײַן,
שטערט נישט די ביימער אין שווײַגן.
דאָס לעצטע מאָל, אין שקיעה־שײַן,
דערזעעט איצט דער בוים זײַנע צווײַגן.

שטערט נישט די ביימער אין שווײַגן.

אויף אײַערע ליפּן פֿאַרהאַלט דאָס געשריי,
שטערט נישט דעם אָוונט צו שטאַרבן.
דאָס לעצטע מאָל, אין גסיסה־וויי,
דערזעעט איצט דער טאָג זײַנע פֿאַרבן.

שטערט נישט דעם אָוונט צו שטאַרבן.

לאַטיין־
אַמעריקאַניש

א

דאָרט ווּ דאָס לשון צערטלט זיך אַליין ביים צונויפקוש
פון ווערטער
דאָרט ווּ דאָס ליד איז טרויעריק און רייצנדיק ווי דער בויך
פון אַ סאַמבאַ־טענצערין
דאָרט ווּ די ליבע ווערט געהייליקט דורך דעם בלוטיקן
מעסער פון אייפערזוכט
און דער עלנט צינדט אָן די הייסע קאַרנאַוואַל־נאַכט פון
אַ לאַנגער פאַרגוואַלדיקונג —
דאָרט, נאָר דאָרט האָט דער איידעלער קאָלאָן געשטעלט זיין
ערשטן טראָט
נאָך דעם ווי ער האָט מיט נצחון אויסגעשריגן: ערד!

אַלץ וואָס וואַקסט אין גן־עדן וואַקסט אין לאַטיין־אַמעריקע.
דאָ האָט דער הימל געגנוג שטערן פאַר יעדער ראַנטשאָ.
דאָ האָט די פּאַמפּאַ געגנוג פערד פאַר יעדער לאַסאָ.
אַפילו די חיות וואָס באַלייכטן די אורפינצטערניש פון וואַלד
מיט דעם גרינעם פּאָספאָרשיין פון זייערע אויגן —
זענען הייליק:
אין זייער איינגעווייד געפינען זיך די קברים פון די אָבות.

גאָט האָט אָפגעשטעלט אויף אונדזער ערד זיין שטורעמדיקן
רייטוואָגן
און האָט צוגעבונדן זיינע פייערדיקע פערד צו דעם
שאָטנדיקן אָמבובוים.
אונדזערע טייכן זענען די שפּיגלען פון דער אייביקייט.
אונדזערע בערג זענען די בעטן פאַר דער איינגעשלאָפענער צייט.
ווי אַ מאָל, מיט טויזנט דורות צוריק, ווינען נאָך אויף
אונדזערע היגלען

די רויטע געטער פון די קיטשואַס, טשאַרואַס און גואַראַניס.
אין די טאָלן טרינקט מען נאָך עד־היום די שוימענדיקע
גרינע מאַטע
מיט דעם דורותדיקן ריטואַל פון די אַצטעקן,
די צוגעהעריקע צום אינקאַ-קעניגרייך,
וואָס האָבן מיט פּיילנבויגנס געלעכערט דאָס האַרץ פון דער לבנה
און אירע גילדענע בראָכשטיקער געזאַמלט אין די קעלערן
פון זייערע מלכים.

ב

ווער זאָגט עס אַז די וואָס זענען געשטאָרבן לעבן שוין נישט מער?
ווער זאָגט עס אַז די וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט
פירן שוין מער נישט קיין מלחמות?

אין לאַטיין־אַמעריקע איז יעדער נאַר־וואָס געבוירענער טאָג
אַלט טויזנטער יאָרן.
יעדע שקיעה אַנטפּאַנגט דאָ אַ נאַכט וואָס איז עלטער
פון תּוהו־ובוהו
דאָ איז יעדער קינד זיין אייגענער אורזיידע.
אין זיין בלוט יאָמערט דער קנעכט און עס יובלט דער
פּאַרקנעכטער.
זיין גוף איז אַ שלאַכטפעלד ווו דער זיגער און דער באַזיגטער
האַלדזן זיך אין שיכּרות פון קעגנזייטיקן מאָרד.

פּאַר זיך אַליין איז יעדער מענטש ביי אונדז אַן אָדלער
פון די בערג —
דרייסט אין זיין חלום־פּלי צו געוועלטיקן און צו קעניגן.
צוזאַמען זענען מיר אַ סטאַדע אייזלען וואָס יעדער בייטש

קען שטעלן אויף די קני און אונטערטעניקן.
גאווה און הכנעה, דאָס איז די לאַסט פון אונדזער קרייץ
וואָס מיר שלעפּן אויפן וועג צו דער גאָלגאָטע,
כדי צו שטאַרבן אין דער זיסער לוסט פון ווידערשפּעניקן.

אָ, נישטאָ נאָך אַזאַ פרייד ווי די פרייד פון מרידה.
נישטאָ, נישטאָ נאָך אַזאַ גליק ווי דאָס גליק
פון צעוואַלגערן ווענט:
ווענט פון פּאַלאַצן, פון תפיסות און אייגענע היימען
וואָס זענען געבויט געוואָרן מיט וווּנדן אויף די הענט
און מיט גופים פון נאָענטע איינגעקנאָטענע אין פונדאַמענט.

ג

דאָרט וווּ יעדער איינער איז אין טרוים אַ האַר —
און יעדער איינער האָט אין חלום אַלץ וואָס ער פאַרלאַנגט —
דאָרט בליט דער שטאָלצער בוים פון פרייהייט.

דאָרט וווּ דאָס מעסער ענטפערט מיט שאַרפקייט
דיין באַליידיקער,
דאָרט וווּ די גיטאַרע זאַמלט צונויף דיינע פריינד
און צעשמעלצט דאָס האַרטע האַרץ פון דיין געליבטע —
דאָרט איז דער קוואַל פון גליק.

אַפילו אַז דו בייגסט דיין רוקן אויף אַ פרעמדן פעלד
און זאַמלסט־איין דעם שניט אין אַ פרעמדן שייער,
ביסטו אַ פרייער מענטש און קיינער קען דיין האַרץ
נישט צווינגען,
עס זאָל שעצן דעם וואָס דו פאַראַכטסט.

אַ, פרעמדער מאַן!
ס'איז נישט קיין שאַנד צו ווינען אין אַ שטייג
פון האַלץ און בלעך.
ס'איז נישט קיין חרפה צו כאַוועןן קינדער
הינטער אַ צווייגעפלעכט.
אַ חרפה איז צו פאַרדינגען זיך אויף אַרבעט ווען מ'איז זאַט,
ווען די ווײַנפלאַש איז נאָך נישט ליידיק
און מען קען די זיסע שעה פון ליבע
פאַרציען אויף אַ פולן גאַטס מעת־לעת.

פאַרשאַלטן זאָלן זײַן די שונאים,
וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן אין אונדזער בלוט די קינאה
צו די וואָס האָבן זאַכן וואָס מען דאַרף נישט
און מען מוז אויף זיי האָרעווען אַ גאַנצע וואָך...

ד

האָסטו זיך אײַנגעהערט אַ מאָל אין דעם געזאַנג פון לאַטײַן־אַמעריקע?
מיט טויזנט יאָר צוריק האָבן די פעלקער אויף אונדזער קאָנטינענט
אַרײַנגעקלאַגט אין זייערע לידער דאָס פאַרויסגעפילטע אומגליק.
דעם פאַרויסגעפילטן סוף.
טראָגט זיך דער וויסטער טרויער פון אונטערגאַנג אין אונדזערע געזאַנגען,
טראָגט זיך דער שטויב פון צעפאַלענע קעניגרײַכן אין אונדזערע לידער
און ווי דער רויך נאָך אַ פלאַם וואָס איז שוין לאַנג פאַרלאָשן
און ווי דאָס אַש נאָך אַ פײַער וואָס האָט שוין לאַנג דערברענט —
ווײנט אין אונדזער ליד די שרעק פאַר אַ סכנה,
וואָס האָט שוין סײַ־ווי אַלץ פאַרלענדט.

ה

אָ, ווי שיין זענען דיינע ים־ברעגן, לאַטיין־אַמעריקע,
ווען די זון פאַרגייט
און פאַרבט די כוואַליעס אָפּ מיט רויטן קופּער.
און ווי שיין ווי שיין עס פּליעסקען זיך אין וואַסער אונדזערן די הייפיש
נאָך דעם ווי זיי האָבן מיט די קרומע ציין צעריסן
(און זשעדנע אויפגעפרעסן)
די מורדים קעגן דעם דיקטאַטאָר פונעם לאַנד.

אָ, העלדישע בונטאַרן־ייִנגלעך,
אָ, קעמפער פאַר דער פרייהייט אונדזערער,
נאָך דעם ווי אַן אַנדער טיראַן וועט דעם הענקער אייערן קעפּן
וועלן מיר אין שיינע לידער אייער העלדנטויט באַזינגען.

לאַטיין־אַמעריקע פאַרמאָגט דעם כישוף פון לידער,
וואָס פאַרוואַנדלען דעם גיהנום
אין אַ גן־עדן פון געזאַנג.

ו

צען ווייבער האָט געהאַט דער קריאָזשאָ דאָן כואַן.
אין יעדן דאָרף וווּ ער האָט געאַרבעט אַ סעזאָן, צי צוויי,
האָט ער גענומען זיך אַ ווייב און זי האָט אים אַ קינד געהאַט.
ער האָט זיי אָבער ווייניק־וואָס געקענט, די קינדער זיינע,
ווייל ווען ער איז אַוועק פון דאָרף,
געטריבן פון זיין וואַנדערלוסט —
האָט ער די קינדער אויף די מאַמעס הענט געלאָזן.

איינע בלויז, די יינגסטע טאָכטער פון זיין לעצטן ווייב,
זי האָט ער געליבט, געצערטלט און איר אַפּילו זיסקייטן געקויפט.
כאָטש דער מאַמען אירער געשמיסן האָט ער מיט דער בייטש,
ווייל האַרט געווען איז שוין איר הויט ווי די פעל ביי אַלטע קי
און אירע בריסט זענען שוין געהאַנגען ביז די קני.

פערצן יאָר וואָלט זי געוואָרן ערשט אין האַרבסט, די טאָכטער זיינע —
ערשט אין קומענדיקן האַרבסט נאָך דעם אַלפאַלפאַ-שניט אין פעלד.
דאָס אומגליק אָבער איז געקומען איצט,
אין סאַמע ברויז פון קאַרנאַוואַל,
ווען ער האָט זי פאַרשפּילט אין אַ געוועט אין שענק
צוזאַמען מיט זיין מעסער און זיין בייטש.

אַ, נישט אויסמיידן וועט דאָס אומגליק דער, וואָס דער בייזער מזל
פאַרוואָרפן האָט אויף אים זיין שטריק
און אים געפענטעט ווי אַ פאַמפּאַפערד.
אין אַלע הייליקע זונהשע מאַמעס אַריין ביזן זיבעטן דור!
ער האָט כאָטש אָפּגעראַטעוועט די גיטאַרע פון פאַרשפּיל
און איצט אַז ס'האַרץ גייט איבער פונעם פיין
איז דאָ אַ טרייסט אין טרויער פונעם ליד.

אַ, ווידאַ מיאַ, ווידאַליטאַ!
ווי שיין האָט זי די יונגע בריסט ווי הערנער אויסגעשטרעקט,
ווי זיס האָט זי מיט די פולע היפטן
אַ גאַנצע גאַס מיט יונגען אויפגעוועקט.
אַ, ווידאַ, ווידאַ, ווידאַליטאַ.

ז

ליבע אין לאַטיין־אַמעריקע איז טיף און ברויזיק ווי דער ים.
ליבע אין לאַטיין־אַמעריקע איז סודותדיק און פינצטער ווי דער טויט.
ביי אונדז גייט ליבע מיט רציחה האַנט ביי האַנט,
און הינטער זיי גייט נאָך דאָס ליד.

האָסטו געהערט אַמאָל דאָס שיינע ליד פון ליבע און פאַרראַט?
געוועז איז זי, די שיינע מויד, דאָס ווייב פון אַ בייזן יאַגואַר,
אַזאַ וואָס זיינע עפּאָלעטן זענען סאַמע גאָלד.
ליב געהאַט האָט זי אָבער דעם פּעאָן, דעם שיינעם יונג,
וואָס האָט דעם מאַן אירן באַדינט און אים געפּוצט דאָס ברוינע פערד.

אין אַ לבנה־נאַכט האָט זיי דער בייזער יאַגואַר דערווישט אין גראָז,
ער האָט זיי נישט דערהרגעט באַלד ווי ער האָט זיי געכאַפּט.
לאַנג האָט ער געלויערט אין שאָטן פון געניוס
און ערשט ווען זייער ליבשאַפט האָט געגרייכט
דאָרט אַהין ווו רגעס וואַקסן אויס ווי זונען
און צינדן אָן דעם חושך פון דער נאַכט —
האָט ער געהייליקט זיי מיט דעם צייכן פונעם קרייץ
און זיך אַריינגעביסן מיט די ציין אין זיסן פלייש
פון דעם פאַררעטערישן ווייב
און אָנגעזויפט זיך מיט בלוט פון הייסן יונג.

פאַר אַ מאָרד אויס ליבע און פאַרראַט,
איז נישטאָ ביי אונדז קיין שטראָף פונעם געזעץ.
גאָט אַליין איז דאָ דער שופט. נאָר ער אַליין
קען מישפּטן דאָס האַרץ פון אָפּגענאַרטן מאַן.

אַזוי איז עס געשען: דער בייזער יאַגואַר
גענומען האָט נאָכדעם אַן אַנדער ווייב,
אַ ייִנגערע פון יענער, דער פאַררעטערישער מויד.
נאָר קיין פּעאָן צום פערד, פון דעמאָלט־אָן, ער האַלט נישט מער.
און אויך דאָס ברוינע פערד האָט ער נאָכדעם פאַרקויפט
און אויף אַ נייעם אויטאָ איינגעטוישט.
אַ נייעם אויטאָ: מייד אין U. S. A.
אַ מתנה פון דיקטאַטאָר צו זיין געטרייען גענעראַל.

ח

איז דאָס דער סוף פון ליד?
אָ, ניין, אַ ליד האָט נישט קיין סוף,
ווייל דאָרט ווו ס'שטעכט די נאָדל: זינד —
דאָרט שלעפּט זיך נאָך דער פאָדעם: שטראָף.

אין אַ נאַכט ווען אויפשטיין די חברים זיינע,
וואָס זיצן איצט מיט אים ביינאַנד
און זיי וועלן מאַכן אַ פאַרשווערונג קעגן דעם דיקטאַטאָר
פונעם לאַנד,
דערפאַר וואָס ער האָט זיי קיין נייע אויטאָס נישט געשענקט.
און דעמאָלט וועט אים שוין זיין אַ באַצאָלונג
פאַר דעם טויט פון יונגן ווייב,
פאַר דעם בלוט פון דעם פּעאָן
און פאַר די מורדים וואָס די הייפיש האָבן אויפגעפרעסן.

יום כיפור

תשל"ד

יום־כיפור תשל״ד

דאָס איז געווען אין יום־כּיפּור תּשל״ד:
מיר האָבן זיך אין די שולן געהאַט
צום חשבון־הנפש פאַרזאַמלט.
די ליכט האָבן געפלעמלט,
די טליתים האָבן געפלאַטערט
און פון דער ווייסקייט פון פּרוכת
איז אויפגעגאַנגען אַ שטילע רו —
יאָרטויזנטער אַלט.

און פּלוצעם האָט אויפגעריסן די שטילקייט
אַ סירענע.
אין איין מינוט האָט די רו געפּלאַצט.
קינדער האָבן זייערע טאַטעס געזוכט,
פרויען האָבן זייערע מענער נישט געפונען.
ס'איז אונדז געוואָרן פינצטער,
נישט ווי אין זון, נאָר ווי טויזנטער זונען
וואָלטן פּלוצעם פון הימל אַנטרונען.

אַ גרויער זעלנערישער דזשיפּ
האָט געלעכערט די שטילקייט מיט זיין כּריפּ.
יונגע סאָלדאַטן זענען אייליק אַוועק
און מיטגענומען מיט זיך די לעצטע יום־טוב־שטראַלן.
— — —
ווידער איז אונדז דער שונא באַפאַלן.

אין אַלע לענדער פון דער וועלט

אין אַלע לענדער פון דער וועלט,
נאָר מער נאָך אין אונדזער לאַנד.
ליגן די מאַמעס ווי אויף עקדות
און וואַרטן יעדע רגע אויפן שניט פונעם חלף.

זייט זייערע זין זענען אַוועק אויף די פראָנטן
איז יעדע נאַכט פאַר זיי אַ מזבח
און יעדער טאָג איז אַ מעסער געשאַרפט
אויפן שלייפשטיין פון אימה.

צען מאָל אין טאָג צאַפּלען זיי אויף
אין די פאַרשוויגענע היימען.
אין יעדן אומבאַקאַנטן מענטש
וואָס דערנענטערט זיך צו זייער הויז
זעען זיי אַ שליח פון דער בייזער בשורה וואָס לויערט.

אָ, די מאַמעס וואָס ביי יעדן קלונג אין דער טיר
ווערן זייערע קעפּ גרויער.
אָט נאָך אַ רגע —
און זייער וועלט ווערט צוריק תוהו ובוהו.

ווייט פון די פראָנטן זיי זעען מיט געשוואָלענע אַפּלען
ווי זייערע זין הייבן זיך אויף צום הימל
און פאַלן אַראָפּ אין צעווירבלטן זאַמד.
די זין אויף די פראָנטן שטאַרבן נאָר איין מאָל,
די מאַמעס שטאַרבן, שטאַרבן נאָך אַנאַנד.

אין יעדן לאַנד פון דער וועלט,
נאָר מער נאָך אין אונדזער לאַנד,
ליגן די מאַמעס אויף דער עקדה.
די זין אויף די פראָנטן שטאַרבן נאָר איין מאָל,
די מאַמעס שטאַרבן
כסדר . . . כסדר . . .

אָקטאָבער 1973

קינדער

נאָך איידער זיי שפּירן דעם טעם פון לעבן
פילן זיי שוין די אימה פון טויט.

נישט מיט ווערטער, נאָר מיט די אויגן,
זיי קוקן דיך אָן און זיי פרעגן:

פאַרוואָס קומט דער טאַטע נישט צוריק?
פאַרוואָס וויינט די מאַמע אין די נעכט?
ווער איז עס אָט דער בייזער מאַן,
וואָס זיין נאָמען איז טויט?

קינדער אין אונדזער לאַנד
מיט אַלערליי קאָלירן פון האָר,
מיט אַלערליי פאַרבן אין די אויגן,
מיט אַלערליי ליכטיקע חנען.
פאַרוואָס קומט זיי אַזוי פרי צו וויינען ?

נישט מיט ווערטער, נאָר מיט די בליקן
זיי קוקן דיך אָן און זיי פרעגן :

פאַרוואָס גייען אין מלחמה די טאַטעס ?
פאַרוואָס שיקט מען נישט אַהינצו די העלפאַנטן ?

אַז דער טאַטע איז אַוועק אין צבא,
טאָ וואָס טוט ער אויף די פראָנטן ?
און אַז ער איז געפאַלן איז וואָס ?
צי וועט ער שוין שטענדיק, שטענדיק
זיין דאָרט — ביים טויט ?
צי קאָן ער נישט אַהיימקומען, כאָטש אַ ביסל,
כאָטש אויף איין טאָג ווערן „אויס געשטאָרבן" ?

נאָך איידער זיי פילן דעם טעם פון לעבן
פילן שוין אונדזערע קינדער, די קלענסטע,
די ביטערע אימה פון טויט.

אָקטאָבער 1973

די מאַמע

זי שטייט אויף אין דער פרי נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
דאָס פנים איז געל און די אויגן בלאָנדזשען דערשראָקן.
נאָר זי זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול און רואיק־באַדאַכט
נעמט זי שטריקן פאַר איר זון אויפן פראָנט אַ פּאָר וואַרעמע זאָקן.

זי הערט די ראַדיאָ־נייעסן. אַ שוידער לויפט דורך איר גוף ווי אַ בליץ,
די שטוב שווימט אַוועק אין אַ בלינדן, אַ פייכט־קאַלטן נעפּל.
דערנאָך שטייט זי אויף און אין אַ קעסטל מיט וואַטע,
מיט ווייכער באַשיצט
פּאַקט זי איין פאַר איר זון אויפן פראָנט אַ צענדליק רויטבאַקיקע עפּל.

און אַזוי טאָג נאָך טאָג. נאָך אַ לאַנגער קאָשמאַריקער נאַכט
שטייט זי אויף און נעמט פּאַקן, נייען, וואַשן און שטריקן.
אַרום איר איז גרויל, נאָר זי יאָגט אים פון זיך און זי טראַכט:
איר זון אויפן פראָנט, וואָס דאַרף ער? וואָס זאָל זי אים שיקן?

ביז איין מאָל אין דער פרי — זי שטייט אויף פון קאָשמאַרן
פאַרבלענדט,
איר פנים איז גרוי און די אויגן בלאָנדזשען דערשראָקן.
און פלוצים טוט זי אַ פאַל און אין אירע אויסגעלאָשענע הענט,
סע בלייבן פאַרקראַמפּט, פאַר איר זון אויפן פראָנט, די וואַרעמע זאָקן.

יונגער חייל

נײַנצן־צוואַנציק יעריקער חייל,
דו האָסט מיט דײַן בלוט פאַרלאָשן דאָס פײַער פון
זייערע קאַנאָנען,
נאָר נישט באַוויזן האָסטו צו פאַרלעשן די וויסטע סכנה
פון דער שינאה וואָס גייט אויף אונדז פון אַלע זייטן
אין אַלע, אַלע צייטן.

דו האָסט דײַן גוף געלייגט ווי אַ דאַמבע פאַר דעם וויכער
פון זייערע טאַנקען. נאָר נישט באַוויזן האָסטו די רציחה
וואָס האָט זיי צו אונדזערע היימען געטראָגן
אין וואָרצל צו דערשלאָגן.

ס'האָט דײַן מוט זיי געטריבן צוריק אין די נאָרעס,
נאָר קוק זיך אַרום — אוי ווי שרעקלעך די וואָר איז,
זיי שטייען שוין ווידער, פיל פינצטערע האָרדעס, ווי נעכטן,
גרייטע צו שעכטן.

אַ גאָט, זאָג אונדז ביז וואַנען מיר וועלן
פאַרמשפּטע טרייבן די שינאָה פון אונדזערע שוועלן
און אויך מיט דעם בלוט פון די יונגע קרבנות
נישט קענען פאַרלעשן דאָס פײַער
וואָס טראָגט זיך אויף אונדז מיט סכנות
פון אַלע, אַלע זייטן,
אין אַלע, אַלע צייטן?

נאָוועמבער 1973

דאָ איז אונדזער היים

פון אַלע עקן וועלט
זענען מיר געקומען דאָ אַהער
און דעם כזית ערד
באַוואַסערט מיט אונדזער טרער,
אויסגעלייזט מיט אונדזער בלוט
און אויפגעריכט מיט אונדזער מאַרך און שווייס.

פון אַלע עקן ערד
זענען מיר געקומען דאָ צוריק,
צו זיך אַ היים.

געטריבענע פון מעלאַס אין מאַראָקאָ,
געיאָגטע פון קרעמאַטאָריעס ביים ריין,
פון זאַטן נע־ונד,
פון רויטן שמד.

דאָ איז אונדזער היים,
פון גאָר אַמאָל און אויך פון היינט.
מיטן גוף פון בכורים האָבן מיר געלייגט איר פונדאַמענט
און מיטן בלוט פון אונדזערע יינגסטע,
מיר שיצן היינט נאָך אירע ווענט.

דאָ איז אונדזער היים,
נישטאָ מער ווו צו גיין.
דאָ בלייבן מיר אַ גאַנצע נאַכט
אין פיין,
דערוואַרטנדיק דעם אויפשיין
פונעם טאָג
אַפילו ער פאַרשפעטיקט זיך...

דעצעמבער 1973

די נעכט אין כנען

מה יפים הלילות בכנען.
דער עכאָ פון זייער שטילקייט ציטערט דין
אויף די בערג פון יהודה. אַ זיידענער געשפּין
פון שטערנליכט און אין־סוף־בלוי
הילט דיך איין. און צאַרט אַזוי
ווי ס׳פּאַלט דער טוי
אויף גראָז און בלאַט,
עס פאַלט אויף דיר שטילערהייט
אַ רו אַזאַ פון כולו פרייד.

ווי שרעקלעך זענען די נעכט אין כנען,
ווען די איינוווינער פון עמק בית שאן,
ווען די קינדער ביי די הרי גולן
דאַרפן נידערן אין די שוץ־קעלערן אויף נאַכט
און הערן דעם געדונער פון האַרמאַטן אין זייער שלאָף.

צור ישראל, פאַרמייד די שטראָף.
גיב צוריק די רו די נעכט פון כנען,
גיב צוריק די שיינקייט זייערע דעם נע־ונדן מאַן
און אויך זיי, די קינדער פון גולן.

ירושלים

אויף דיינע שטייניקע בערג,
אויף דיינע זאַמדיקע היגלען,
ירושלים,
כ׳האָב געפונען דעם פשט
צו אַ רעיון
וואָס האָט אין נע־ונד
מיך אַלעמאָל געמאַטערט.
אין פלאָנטער פון דיינע שמאָלע געסלעך,
אין רחבות פון דיינע נייע גאַסן,
עיר הקודש,

כ׳האָב געפונען דעם באַשייד
אויף דעם רעטעניש וואָס האָט געפלאַטערט
אַלע יאָרן אין דער פרעמד,
פאַר מיר און מסתם
פאַר אַ סך פון אונדזער שטאַם.

איצט ווייס איך, ירושלים,
עס האָבן דיינע בערג און היגלען מיר אַנטפלעקט,
פון וואַנען די עקשנות צום געדויער
האָט זיך ביי אונדז דערנומען
און אויך פאַרוואָס אין שוואַרצן טרויער,
אין שווערסטן פיין,
מיר האָבן זיך געראַנגלט דורכצוקומען.

די מאַטערניש פון ביישטיין די נסיונות,
וואָס כ׳האָב פאַר איר קיין ענטפער נישט געהאַט,
ירושלים,
געפינען האָט אין דיר דעם פשט
און כ׳ווייס אַצינד פאַרוואָס געצאָלט
מיר האָבן מיט אַזויפיל בלוט און פיין
פאַר וועלן בלייבן,
פאַרן זיין...

קיין ירושלים

קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.

קיין ירושלים שטייגט מען אויף,
אויף דער לייטער פון דורות,
אויף די שטאַפּלען פון בענקשאַפט,
אויף די טרעפּ פון דערלייזונג.

פולע לאָגלען מיט ווייַן פון געדענקשאַפט
טראָגט מען מיט זיך קיין ירושלים.
אויף יעדן באַרג, אויף יעדן היגל,
אין די שטיינערנע געסלעך, די ווייסע,
טרינקט מען לחיים
מיט יאָרן
פון זכרון
וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחיית המתים.

קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.

לאָמיר...

לאָמיר זיך אויסלערנען, ברידער, צו שווייגן
אַפילו ווען ס'רייסט זיך פון האַרץ דאָס געשריי.
לאָמיר די ווערטער פאַרשפאַרן אין שטייגן,
זיי זאָלן נישט לעסטערן וואָס אונדז טוט וויי.

לאָמיר זיך אויסלערנען, ברידער, צו צוימען
דעם צאָרן אויך דעמאָלט ווען ער איז גערעכט.
לאָמיר מיט ביטערע רייד נישט פאַרשוימען
דאָס גוטע צוזאַמען מיט דעם וואָס איז שלעכט.

לאָמיר נישט איילן זיך, איינער דעם צווייטן,
דן זיין אין זינד ווען ס'ווערט פיינלעך און שווער.
הערט אויף דאָס פייער פון שינאה פאַרשפרייטן,
ווען ס'וואַקסן אַרום אונדז די שונאים אַלץ מער.

לאָמיר זיך אויסלערנען, ברידער, צו שווייגן
גערולדיק אַזוי ווי עס שווייגט אונדזער ערד.
לאָמיר נצחונדיק אויפגיין און שטייגן,
אויך דאַן ווען מפּלות דער גורל באַשערט...

אַפּריל, 1974

ע נ י נ י ד י ו מ א

איצט זאָגן זיי אַז ס'איז געווען אַ זינד
צו טרויען דאָס לעבן דעם סאָלדאַטישן וואָפן.
איצט קלאָגן זיי אַז מיר זענען געווען בלינד
ווען מיר האָבן אויף כח געשטיצט אונדזער האָפן.

איצט שלוכצן זיי: ווּהין איז אַוועק
אונדזער פרומע עניוות אין ליידן געלייטערט,
ווען מיר האָבן דורך דורות אין פּיין און אין שרעק
פון בלוט און מלחמה זיך היילים דערווייטערט?

יאָ, איצט פרעגן זיי: ווי האָ׳מיר געקענט
זיך בוקן פאַר קראַפט און מיט איר זיך פאַרכלינען?
צי האָבן מיר געמעגט גאָר מיט בלוט אויף די הענט
אונדזער לויטערן פאָדעם ווייטער צו שפּינען?

וואָס אָבער האָט איר, דערמאָנט זיך, געזאָגט
ווען ס׳זענען די געטאָס געשטאַנען אין פלאַמען?
ווען מען האָט צום פאַרלענד אין מחנות געיאָגט
אייער טאַטעס און מאַמעס מיט די קינדער צוזאַמען?

צי האָט איר אויך דעמאָלט געבענטשט און געגרויסט
אונדזער הייליקע שוואַכקייט וואָס האָט אונדז פאַרלוירן?
אָ, ברידער, דערמאַנט זיך ווי וועגן אַ פויסט
איר האָט דאַן געטרוימט און זיך הייליק געשוווירן,

אַז מער זאָל דאָס בלוט אונדזערס הפקר נישט זיין...
דעריבער דעם זאָגער, דעם פרעגער, כ׳דערמאָן אים:
ווי קאָן מען באַשיצן פון אומקום אין פיין
דאָס יידישע לעבן, אָן קראַפט, קעגן שונאים?

זינגליד

ס׳איז אונדזערע די ערד
און אונדזערע די טייכן
און ס׳גליען איבער אונדז
מיט בלויען פלאַם די הייכן.

אונדזער איז די רו
פון דרעמלענדיקע זאַנגען,
און ס׳איז די פרייד פון פעלד
פאַר אונדז איצט אויפגעגאַנגען.

אונדזער איז דער קוואַל
אין שטויב פון מידע וועגן,
וואָס ריזלט שטילערהייט
דעם דורשטיקן אַנטקעגן.

אונדזער איז דער בוים
וואָס אין פֿאַרנאַכטן פֿרעפּלט,
אַ שיכורער פֿון וויין,
פֿון זאַפּטיק־גרינע עפּל.

דאָס פֿרילינגדיקע גרינס
וואָס יוירט אין שטילן שווייגן;
דער גאָלדיק־ברוינער בלאַט
וואָס פֿאַלט אין האַרבסט פֿון צווייגן;

דער לויטערער באַגין
מיט פֿליענדיקע טויבן;
דער רעגן אין פֿאַרנאַכט
— אויף דעמערדיקע שויבן

אונדזער איז דאָס אַלץ
און אונדז וועט עס געהערן,
דאָס אַלץ וואָס איז שוין דאָ
און אַלץ וואָס וועט ערשט ווערן...

1969

תוכחה־געמיט

פאַרוואָר, ברודער מיינער, ס׳איז מקוים געוואָרן,
אויף אונדזערע ביינער, דער תוכחה־צאָרן.

מיר האָבן דעם שקר געדינט מיט גלאַטיקע צונגען,
מיר האָבן אים לידער פון לויב
ביי די וויגן פון אונדזערע קינדער געזונגען.
מיר האָבן דעם ליגן געוויקלט אין סאַמעט און אַטלאַס
פון ווערטער נישט־געמיינטע.
איצט ציטערט אונדזער עלטער אַ פאַרוויינטע
און בעט זיך רחמים ביי די זין און ביי די טעכטער :
— קינדער, ווו לויפט איר ?
צו עמלקן, דעם שעכטער,
טראָגט איר באַוואָרענען די יידישע יאָרן ?
קינדער, בלייבט שטיין, טרעט נישט אַריבער די גרענעץ
וואָס בלוטיקט אין אונדזער זכרון —
נאָר וויי, דאָס געבעט קאָן מער נישט דעריאָגן
די יורשים וואָס זענען אַריבער דעם נידעריקן פאַרקן
און האָבן אַנטבלויזט אונדזער שאַנד אויף אַלע געמאַרקן.

אַ דינע פּאַפּירענע מויער
האָבן מיר אויפגעשטעלט צווישן דער גוישער פרייד
און דעם יידישן טרויער.
אין אונדזער יום־טוב האָט אַריינגעשריגן זייער וואָך
מיט פּוסטע טישן אין שטוב
און מיט פולער מחיה אין קלייט.
מיר האָבן זיך געבוקט צום זון וואָס גייט
אין אוניווערזיטעט
און וועט ווערן אַ דאָקטער.
רייכע בייטלען האָבן מיר זיי געניייט,
די יורשים אונדזערע, די אַנטלויפער פון אַן אומה אַ געפּלאָגטער.
איצט רופן מיר זיי צוריק מיט ווערטער אויפגעבלאָזענע
וואָס פּלאַצן,
מיט פראַזן ווי פּאַרלאָשענע שטורקאַצן,
מיט תורהס וואָס מיר האָבן זיי פאַרהאַנדלט
אויף אַלע פּעדלער־וועגן
ווי אונדזער ליגן האָט געוואַנדלט.

אָ גאָט, מיין גאָט,
וואָס וועט בלייבן נאָך אונדז
אַחוץ אַ הויפן צעטומלטע ווערטער,
אַחוץ אַ באַרג נעמען פון שטעט
און פאַרגעסענע ערטער ?
וואָס וועט בלייבן, וואָס וועט בלייבן
פאַר דעם מאָרגנס זכרון
פון אונדזערע אַלע
פאַרשפּילטע יאָרן ?

בוענאָס איירעס 1963

שטיל און גרינג

שטיל און גרינג ווי זומערדיקער שאָטן אויף דער ערד,
וואָס שפרייט זיך, סאַמעט־ווייך, אונטער יעדנס פיס —
זאָל זיין מיין גוף, אויב ס'איז מיר נאָר באַשערט
אַז איבער מיר זאָל שפרייזן ערגעץ־ווו
אַ מידער מענטש וואָס זוכט אַ ביסל רו,
וואָס זוכט אַן אָרט פאַר זיך אין זונען־שיין,
ווי איך אַליין.

שטיל און גרינג ווי זומערדיקער שאָטן אויף דער ערד,
וואָס לעשט זיך אויס ווי נאָר די זון פאַרגייט,
זאָל אויך פאַרלאָשן זיין, פון קיינעם נישט דערהערט,
מיין שטיל געוויין. און ווען צום שוואַרצן ברעג
וואָס רופט זיך טויט, איך וועל אַוועק,
נישט וויסן ס'זאָל מיין פיין, אין שטערן־שיין,
קיינער מער ווי איך אַליין.

שטיל און גרינג, ווי זומערדיקער שאָטן אויף דער ערד,
וואָס גייט נאָך דעם וואַנדערער אין העלן גאַנג,
זאָל גיין מיט אייך מיין ליד. נאָר ווען מיט שווערד
ס'וועט נייטיק זיין צו שיצן אונדזער פריי,
מיין ליד זאָל זיין דער הייסער אויסגעשריי
וואָס רופט צום שלאַכט אין פייער־שיין,
אויך מיך אַליין.

לעבן מײנס

איך װיל נישט קײן סך פון דיר אָ, לעבן מײנס.
איך בעט בײ דיר די פּראָסטע רו נאָר פון אַ בױם,
װאָס דרימלט מיד אין זומערדיקן פעלד
װען זײנע צװײגן װיגן זיך קוים־קוים,
אין חלום פון אַן אײנגעמידטער װעלט.
כאָטש שװער איז אפשר אױך בײנאַכט, אין פעלד אַלײן,
אַ בױם אין גאַנצער גרױס — צו זײן פון אַלעם העכער
און איבער אַלעם, הױך, אין פינצטערניש צו שטײן,

פון יעדן ווינט אין חושך אויפגעפעכערט.
ס׳וויל אפשר אויך דער בוים פון אָרט זיינעם אַוועק
און אין דער פינצטער דאָ — ער וויל ווי גראָז ביי דר׳ערד,
זיין קליין און אומבאַמערקט אין יענער שעה פון שרעק,
אין יענער שטילער שעה, ווען אַלץ אַרום ווערט שטום
און פּאַרכטיק איינגעהערט אין זיך און אין אַרום.

איך ווייס אַ, לעבן מיינס: ס׳איז אפשר שלעכט דעם בוים,
וואָס קאָן נישט נאָכיאָגן זיין אייגן בלאַט אין ווינט,
ווי ס׳יאָגט די קוואָקע נאָך איר הינדעלע — דאָס קינד
און אונטער אירע פליגל נעמט עס צוריק אַריין.
נאָר אויב איך בעט ביי דיר די רו פון בוים אַצינד,
איז עס דערפאַר,
וואָס אויב ס׳וועט נאָך אַמאָל אַ שטורעם זיין,
וויל איך אַ בוים אין פעלד דאָ בלייבן שטיין
פאַרשטאַרט.
און אויפן זעלבן אָרט פאַרעקשנט, פעסט און שטום,
מיט וואָרצלען אין דער טיף פון שוואַרצער רויער ערד,
שטיין אָט דאָ ווי איצט אין הונדערט יאָר אַרום,
אין אייגענעם געריש פון בלעטער איינגעהערט.
דאָ אויפן זעלבן פעלד, אין גאַנצער גרויס געשטרעקט
אין פחד פאַרן שטורעם, דאָך נישט פון אָרט אַוועק.

און וויסן לעבן מיינס: אַז אויפן זעלבן אָרט,
ווי ס׳האָט געדראָעט מיך די טעמפע האַק פון מאָרד,
וועט אויפגיין פון מיין שטאָם אַ בלינדע רויע צווייג
און ווידער ווערן בוים, וואָס פון די גרונטן שטייגט,
אין גאַנצער גרויס אַליין, פאַרעקשנט, שטייף און שטום —
אַ בלעטערדיקער בוים אין הונדערט יאָר אַרום.

אינהאַלט

אויף יענער זייט ווּנדער 5

אינעם אַש פון זכרון

רייד צו אונדז 9
*** 11
צו פוילן 12
מיין מאַמעס יום־טוב־קלייד 14
אַ שניי 16
אויף די פעלדער 19
און נישט דער בראַנדז 21
איך גיי אַרויס פון זיך אַליין.. 23
איך פרעג נישט... 25
די דייטשקע אירמאַ העש 26
היט מיך, גאָט 31
מיין זיידנס באָרד 32
המשך 34
בענטש מיך 35

אַ ל אַ ט אַ ו

טיאַן־שאַנער בערג 39
לעגענדע 40
איך קום צו אייך 43
באַרג ־ ליד 44
איבער זאַמדן 45
לידער צום אַלאַטאַו 46
*** 50

צ ו ם ה אַ ר פ ו ן ד י א ב ו ת

מיט וויפל שטילקייט... 53
אַ תפילה 54
*** 58
אונדזער שיף 59
ס׳איז איין מינוט נאָך צוועלף 61
גרויסע אותיות אין אַ שוואַרצער ראַם 62
צו אַן אומגעקומענעם פריינד 66
אין דעם הירש 69
מלווה־מלכה 70
פרעלודיע צו מיין בוך: פנימער און נעמען 72
יידיש 74
ווינד און ווײ 76
צו די שפּיצן ביימער 77
ווען כ׳וועל אַוועק... 79

אַ רויז האָט אויפגעבליט אין מיטן ווינטער

CANTATA EROTICA 83
געבליבן ביסט 85

ווי אַ ליכט	86
איך האָב געמיינט	88
זיך גלייך איך	89
איך האָב געגרייזט	90
הינטער דיינע וויעס	91
צוויי אויגן	92
אָ, זיי צו מיר גוט	93
אַלטמאָדישער ראָמאַנס	94
האַרבסט - מאָטיוו	96
אויף יעדער פרוי	97
פאָלקס - מאָטיוו	98
פון שוואַרצן טינט	99
דו...	100

לאַנדשאַפטן פון געמיט

די לאַנדשאַפטן פון זכרון	103
סוף זומער	104
נאָקטורן	105
ווינטער פאַרנאַכט	106
***	107
דורך מיין פענצטער	108
ווינטער פרימאָרגן	109
ווי גוט...	110
ערב שטורעם	112
אָוונט	113
דערמאָנונגען וועגן דער אַזיאַטישער לאַנדשאַפט	114
אַ שטורעם	116
דאָס לעצטע מאָל	118

לאַטיין־אַמעריקאַניש

א. 121
ב.
ג.
ד.
ה.
ו.
ז.
ח.

יום כיפור תשל״ד

יום כיפור תשל״ד 131
אין אַלע לענדער פון דער וועלט 132
קינדער 134
די מאַמע 136
יונגער חייל 138
דאָ איז אונדזער היים 139
די נעכט אין כנען 141
ירושלים 142
קיין ירושלים 144
לאָמיר... 145
עניני דיומא 146
זינגליד 148
תוכחה ־ געמיט 150
שטיל און גרינג 152
לעבן מיינס 153

ביכער פון זעלביקן מחבר

רויכיקע פאַרטאָגן, לידער, לאָדזש, 1933

שטילקייטן, לידער, פאַרלאַג: אות, לאָדזש 1938

באַפרייונג, לידער, פאַרלאַג: עמעס, מאָסקווע, 1941

אַ שטוב אין שטעטל, פּאָעמע, פאַרלאַג: ביכער פון יידישן פּען־קלוב, פּאַריז, 1951
(פּרעמירט מיט דער ל. בימקאָ־פּרעמיע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו יאָרק)

אַ שטוב אין שטעטל, צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג: קיום, בועגאָס איירעס, 1963

פּעקל די בעסער־קענערן, אַ מעשהלע, פאַרלאַג: פאַר אונדזערע קינדער, פּאַריז 1952

מיט יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרלאַג: קיום, בועגאָס איירעס, 1959

פּנימער און נעמען, עסייען, פאַרלאַג: קיום בועגאָס איירעס, 1971
(פּרעמירט מיט דער ש. ניגער־פּרעמיע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע)